NOAH COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01112

SHMERL NAR

Solomon Simon

Permanent preservation of this book was made possible by
Harry B. Kellman Academy, P.T.G.

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמערל נאר

די געשיכטע פון אן אומבאקאנטן העלד

פון
ש. סימאן

אילוסטרירט
פון
אהרן גודלמאן

פארלאג
מתנות

א. גודל.

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג מתנות
ביים שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

SHMERL NAR

By

SOLOMON SIMON

Illustrated by Aaron Goodelman

דריטע אויפלאַגע, 1949

Coypright, 1931, by
SOLOMON SIMON
New York, N. Y.

Published by
FARLAG MATONES
22 E. 17th St., New York 3, N. Y.

Printed in U. S. A. by
The Shoulson Press
New York

255

געווידמעט ליפּע לעהרער,
וואָס דורך זיין מי ווערט
געשאַפן אַ יידישע קינדער
ליטעראַטור אין אַמעריקע

אינהאַלט

שמערל נאַר — — — — — — — — — — — — — — — 9—8

שמערל נאַר כאַפּט אַ גנב — — — — — — — — — — — 16—10

שמערל נאַר אין דער גרויסער וועלט
ביים פּרינץ אין פּאַלאַץ
דער נס

שמערל נאַר כאַפּט אַ שווינדלער — — — — — — — — 24—17

רעב זלמן און זיין שאָטן קלמן
דער משרת ווערט באַלעבאָס
שמערל נאַר נאַרט אָפּ דעם שווינדלער

טרוקענע קיכלעך — — — — — — — — — — — — — 41—25

דער קוילן ברענער און זיינע צוויי טעכטער
אַ צעבראָכענער אָקס
דאָס וואַלד מיידל
שלום בענקט נאָך בלומקען
בלומקע באַקט קיכלעך
שמערלען געפעלן די קיכלעך
בלומקע אין דער גרויסער שטאָט
בלומקע באַליידיקט אַן אָרעמאַן
שמערל נאַר בעט קיכלעך

דער פאַרזיכערטער — — — — — — — — — — — — 50—42

אַ מענטש געבענטשט מיט אַליץ
אַ שלעכט האַרץ
אַ שווערער ווינטער
דעם רבס ווערטער ווערן מקוים
שמערל נאַר ראַטעוועט איגדאַלן

שמערל נאַר קומט אַהיים — — — — — — — — — — 56—51

שלום שעפּסל
די מעשה מיטן עפּל
שלום שעפּסל קומט מיט אַ נייעס פון שטאָט

שמערל נאַר פֿאַרן קייסערלעכן סענאַט — — — — — 57—68
שמערל נאַר אין דער היים
גראַף האָרוואַט
דער צופּאַל מיט האָרוואַטס פערד
אין גראַפס פּאַלאַץ
רעשעס
דער גאָלדענער פויגל אין אייזערנעם שטייגל
שמערל נאַר פֿאַרן קייסערלעכן סענאַט

קיינער ווייסט נישט אַלץ — — — — — — — — — — 69—78
שמערל נאַר לערנט זיך אויס לייענען יידיש
צוויי מאָדנע ווערטער
די מיסטעריע
ווייטער אין וועג
קעניג כאַפּאַלץ און זיין מיניסטער מאָרדים
שמערל נאַרס אומשולדיקע פראַגע

שמערל נאַר ראַטעוועט אַ שטאָט מיט יידן — — — — 79—89
דער טייטש פון די צוויי ווערטער
שמערל נאַרס גרויסע שרעק
שמערל נאַר פירט אויס אַ שליחות
דער קרעמער גרעבאַניק
גרעבאַניק שיכורט זיך אָן.
די ערשטע נאַכט פון פּסח אין שול

אין יענע יאָרן — — — — — — — — — — — — — — 90—103
שמערל נאַר באַגעגנט אַ מאַן מיט אַ רויטער באָרד
אַ געשפּרעך
אַ כאַפּטע בלינדע בעטלער
אין נעמיראָוו
דאָס געזאַנג פון די בלינדע בעטלער
איין ייד צופיל
רעשעס גיסט אויס זיין ביטער האַרץ

שמערל נאַרס מצבה — — — — — — — — — — — — 104—112
חלומות
דער חלום מיט דער שיף
די זינגענדיקע פּיראַמידע
אַ רוף פון ערגעץ ווייט
שמערל נאַרס ענטפער
אַ מצבה

ש מ ע ר ל נ אָ ר

שמערל נאַר

א מאָל איז געווען אַ מאַן מיט אַ פרוי. האָבן זיי געהאַט זיבן קינדער. זעקס זיינען געווען שיינע, געראָטענע און קלוגע.
דער זיבעטער איז געווען אַ מיאוסער און אַ נאַר.

האָבן טאַטע־מאַמע ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט זייער נאַרישן זון. וואָס מען האָט אים געלערנט איז געווען אין איין אויער אַריין, דורכן אַנדערן אַרויס. וואָס מען האָט אָנגעזאָגט דעם קעצישן מוח, האָט ער אַלץ פאַרגעסן.

ערגער פון אַלץ איז געווען, וואָס אַלע קינדער האָבן זיך מיט אים גערייצט — אים גערופן אָפּגעריסענער נאַר, קעלבערן פּנים, פאַרשלעפּטע קרענק און נאַרישער באָק. שמערל נאַר פלעגט ווערן אין כּעס, כאַפּן אַ שטיין, אַ שטיק האָלץ — רעכט איינעם דעם קאָפּ צו שפּאַלטן. פלעגן זיך די קינדער צעלויפן, באַהאַלטן זיך, און פון באַהעלטעניש אים נאָכזינגען:

שמערל נאַר איז
הויך און דאַר,
שמעקט מיט האַר, (רויך)
כאַטש אין קוימען שפּאַר.

אַז שמערל פלעגט עס דערהערן, פלעגט ער זיך צעוויינען אויפן קול, אַוועקלויפן צו דער מאַמען און מרוקן:

— מאַמע, מע רייצט זיך מיט מיר! מאַמע, מע רופט מיך שמערל בעקל! מאַמע, זיי זאָגן אַז איך בין הויך און דאַר און שמעק מיט האַר! מאַ־אַ־אַ־מע־עע...

— גענוג שוין צו וויינען, פאַרשוין מיינער, — פלעגט די מאַמע אויף אים אָנשרייען, — זיי ניט קיין נאַר, וועט מען פון דיר ניט לאַכן!

— ווי זאָל איך ניט זיין קיין נאַר?

— זיי קלוג!

— איך קאָן ניט!

— איך ווייס, צאַצקע מיינע, אַט־דאָס איז דאָך מיין אומגליק. וואָס טוט מען מיט דיר, וואָס טוט מען מיט דיר?!

שמערל איז געוואַקסן און מיט אים איז געוואַקסן זיין נאַר. זעקס קינדער — אַ ברכה פאַר לייטן, נאַר איינער אַ שלומיאל, אַ גאָטס שטראָף, עפּעס דאַרף מען דאָך טאָן!

וואָס טוט מען טאַקע? אָט איז שמערל אויסגעוואַקסן, אַ הויכער בחור, שטאַרק ווי אייזן, מיט אַ פּנים ווי אַ לאָקשנברעט, וואָס טוט מען מיט אים?!

— שיקט אים אויף דער וועלט — האָבן לייט געראָטן, — שיקט אים אויף דער וועלט. ער וועט זיך רייבן צווישן מענטשן, וועט זיך פון אים עפּעס אויסרייבן.

— כ'לעבן אַ גוטע עצה, — האָבן פאָטער־און־מוטער געזאָגט, — זאָל ער אָנזען אַ וועלט. וואָס איז דער תכלית אים האַלטן אין דער היים, און קינדער זאָלן אים נאָכזינגען „שמערע מערע“, „שמערל בעקל“, און דער יונג זאָל ווערן ווילד, רעכט מענטשן צו הרגענען?

האָבן טאַטע־מאַמע זיך אַ כוח אָנגעטאָן, אויפגענייט שמערלען אַ נייעם אַנצוג און אַ פּאָר שיך, געקויפט אַ היטל, צורעכט געמאַכט עטלעכע העמדער, אַריינגענייט אין זשילעט עטלעכע מטבעות, און אויסגעריכט דעם שלימזל זייערן אין דער וועלט אַריין.

שמערל נאַר כאַפּט אַ גנב

שמערל נאַר אין דער גרויסער וועלט

שמערל האָט זיך געלאָזן אין וועג אַריין און איז געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט. יאָרן זיינען אַריבער. די שיך האָבן זיך שוין לאַנג צעריסן, פון אַנצוג זיינעם איז געוואָרן שמאַטעס. דאָס שיינע היטל האָט שוין געהאַט אַ לאָך אין רעכטן מיטן, און שמערלען איז שוין אויסגעוואקסן אַ באָרד. אָבער קליגער איז ער ניט געוואָרן.

שמערל האָט שוין לאַנג פאַרגעסן אָן זיין טאַטע־מאַמע, פאַרגעסן אָן זיין היים. ער איז געוואָרן אַן איינגעהויקערטער בעטלער מיט אַ נאַרישן שמייכל און אַ דערשלאָגן פּנים, האָט געטראָגן אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס, אַ שטעקן אין האַנט, און געהאַט אַ לאַנגע באָרד מיט קאָלטענעס.

גייט אַמאָל שמערל אין וועג מיט זיין שטעקן אין האַנט און מיט דער טאָרבע אויף די פּלייצעס. גייט ער אַזוי, די פיס מיט שמאַטעס אַרומגעבונדן, די הויזן מיט אַ שטריק פאַרצויגן, ביז ער קומט אָן אין אַ גרויסער שטאָט.

אָנגעקומען אין שטאָט אַריין, גייט שמערל איבער די רייכע גאַסן, דאָס היטל איבער די אויגן אָנגערוקט. קלאַפּט מיטן שטעקן איבערן ברוק, שלעפּט די פיס, זוכט ערגעץ אַן אָרט, וואו צו קריגן עפּעס עסן און אָפּרוען. גייט ער אַזוי און שטעלט זיך ניט אָפּ און קוקט זיך ניט אום: ער ווייסט שוין אַז רייכע האָבן ניט ליב קיין אָרעמעלייט, און ער באַמערקט ניט ווי אַלע קוקן אויף אים מיט ליבשאַפט.

ביסלעכווייז האָט ער זיך דערשלעפּט ביז ערגעץ אַ הינ־טער־געסל פון אָרעמען קוואַרטאַל און אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר. אָנגעקלאַפּט און בעט:

גוטע מענטשן, האָט רחמנות,
העלפט אַ קבצן אין זיין נויט,
שענקט אַן אביון אַ נדבה,
גיט אים כאָטש אַ שטיקל ברויט.

און מאָדנע! שמערל איז געוואוינט געווען, אַז מען זאָל אים אַרויסוואַרפן אַ שטיקל דאַר ברויט אָדער אַ קליינע מטבע, אָדער גאָר אַוועקטרייבן, אָבער דאָס מאָל איז אים דער באַלעבאָס אַרויסגעקומען אַקעגן און אים פאַרבעטן אין הויז אַריין.

שמערל נאַר פרייט זיך: טאַקע, בעסער נעכטיקן אין אַ הויז, ווי ערגעץ אויפן גאַס! און דערווייל זעט ער ניט, אַז אַלע קוקן אַרויס פון די פענצטער מיט קנאהדיקע בליקן, און אַז אַ סך מענטשן האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום הויז.

האָט מען שמערלען אַריינגענומען אינעווייניק, אים אַוועקגעזעצט אויבנאָן, דערלאַנגט אַ גוטן מאָלצייט און אַ גלאָז ווייַן צו פאַרטרינקען. ווייסט ניט שמערל פון קיין חכמות: מען גיט עסן, עסט ער, מען גיט וויין, טרינקט ער. גיט אים נאָר, וועט ער זיך לאָזן וואוילגיין!

אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען, האָט שמערל זיך דערפילט מיד און שלעפערדיק. האָט ער אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ אויפן טיש און איז איינגעשלאָפן.

איז געוואָרן שטיל אין הויז, שאַ, — ער שלאָפט. און שמערל שלאָפט און כראָפּעט. חלומט פון געבראָטענע הינער מיט יאַיכלעך און מאַנדלען, און וויין צום פאַרטרינקען. רינט אים פון מויל די סלינע — אַ מחיה.

אויסגעשלאָפן זיך, אויפגעשטאַנען, רייבט זיך שמערל אויס די אויגן און זעט צוויי מענטשן מיט גאָלדענע קנעפּ אויף די מונדירן שטייען לעבן אים, אויסגעצויגן ווי סטרונעס. און ווען זיי האָבן דערזען, אַז ער איז שוין אויפגעשטאַנען, זיינען זיי צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— גרויסער געטלעכער מאַן! מיר זיינען געשיקט געוואָרן צו דיר פון זיין מאַיעסטעט דעם פּרינץ. זיי גנעדיק און זאָג אונדז ניט אָפּ. קום מיט אונדז גלייך אין פּאַלאַץ אַריין. אַ גרויס אומגליק איז געשען, דער שאַצקאַמער פון פּרינץ איז באַגנבעט געוואָרן, און קיינער קאָן ניט געפינען די גנבים. מיר האָבן געבראַכט אַן ערנוואָך פון סאָלדאַטן דיך צו באַגלייטן צום פּאַלאַץ. קום מיט אונדז.

שמערל מיט זיין קעלבערנעם מוח האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז מע נעמט אים אָן פאַר פּאָרוש דעם זעער, אַ הייליקער מאַן, וואָס איז געווען באַרימט מיט זיינע ליכטיקע אויגן. מע האָט געזאָגט אַז פּאָרוש קען זען דורך דיקע ווענט און אייזערנע טירן. ער האָט ניט פאַרשטאַנען זייערע רייד. ער האָט בלויז געוואוסט אַז מע הייסט אים גיין. און אַז מע הייסט גיין, מוז מען פאָלגן. גייט מען.

גייען די צוויי באַדינער פאָראויס, נאָך זיי שמערל. נאָך שמערלען — פיר מיניסטאָרן מיט גלאַנציקע צילינדערס. נאָך זיי — הונדערט־און־צוויי־און־פופציק סאָלדאַטן פוסגייער מיט אַנטבלויזטע שווערדן.

גייט שמערל, עס קלאַפּט אים אַ צאָן אָן אַ צאָן, אָבער ער גייט, ער טראַכט מיט זיין קעצישן מוחל: וואָס מען וועט דאָרטן טאָן מיט אים, וועט מען טאָן, נאָר מען זאָל אים כאָטש פריער געבן עפּעס אָפּצועסן.

אָנגעקומען אין פּאַלאַץ, האָט מען פאַר אים געעפנט די טויערן מיט גרויס פּאַראַד. וואונדערלעך־שיינע דאַמען זיינען געשטאַנען אויף די טרעפּ, מיט בלומען אין די הענט צו באַגעגענען דעם הייליקן מאַן. דער פּרינץ אַליין איז אַרויס־געקומען און געפרעגט:

— פאַרלאַנגט איר עפּעס, הייליקער מאַן?

פאַרשטייט שמערל, אַז מען פרעגט אים, צי ער וויל עפּעס. צעזינגט ער זיך מיט זיין שטענדיקן ניגון:

שמערל נאָר כאַפּט אַ גנב

גוטע מענטשן, האָט רחמנות,
העלפט אַ קבצן אין זיין נויט,
שענקט אַן אביון אַ נדבה,
גיט אים כאָטש אַ שטיקל ברויט!

האָט דער פּרינץ אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: אַ מאָלצייט פאַרן געטלעכן מאַן! און מען האָט גענומען טראָגן שמערלען פון פויגלמילך.

אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען, איז שמערל איינגעשלאָפן. געשלאָפן איז ער געשמאַק, מיט אַ כראָפּען און אַ סאָפּען, און געחלומט האָט ער פון געבראָטענע טייבעלעך, פון מאַנדלען־יאַיכלעך, פון גוטע ווײַנען און זיסע פרוכטן. און אין פּאַלאַץ איז שאַ־שטיל: דער געטלעכער מאַן, דער הייליקער פּאָרוש, דער זעער, שלאָפט.

ביים פּרינץ אין פּאַלאַץ

איבערן גאַנצן פּאַלאַץ איז געווען שטיל, נאָר אין קיך זיינען דריי באַדינער געזעסן דערשראָקענע. זיי דרייען האָבן עס באַגנבעט דעם שאַצקאַמער, און באַהאַלטן דאָס גאָלד, זילבער און בריליאַנטן אונטער אַ בוים אין גאָרטן. וואָס זאָלן זיי איצט טאָן? פּאָרוש דער זעער וועט זיכער דערזען מיט זיינע ליכטיקע אויגן, וואו דער אוצר איז באַהאַלטן, און ווער עס האָט דאָס געטאָן. מען וועט זיי כאַפּן, בינדן, אַריינוואַרפן אין תפיסה און שפּעטער הענגען. מען דאַרף עפּעס טאָן.

רופט זיך אָן דער עלטסטער און דער קליגסטער פון די דריי גנבים:

— הערט, נאַראָנים, שרעקט זיך ניט. אויב מיר זיינען געווען אַזוי קלוג, אַז מיר האָבן געקאָנט באַגנבענען דעם שאַצקאַמער, קאָנען מיר איבערקליגן אויך פּאָרוש דעם זעער. מיין עצה איז, אַז איינער פון אונדז זאָל זיך באַהאַלטן אונטער

זיין בעט און נאָכקוקן אַלץ, וואָס ער טוט. וועלן מיר זען, אַז ער איז געפאַלן אויף אַ שפּור, וועלן מיר וויסן וואָס צו טאָן.

— גוט, האָבן די אַנדערע צוויי צוגעשטימט.

— און איצט, — מאַכט דער עלטסטער צום יינגסטן, — גיי דו לייג זיך אַוועק אונטערן בעט און היט אים.

— פאַרוואָס איך? — האָט דער יינגסטער געטענהט. — איך האָב דאָך די שלעסער ניט געבראָכן. איך בין דאָך נאָר געשטאַנען ביי דער טיר און געהיט, אַז עמעצער זאָל ניט אָנקומען. גיי דו, דו האָסט דאָס גאַנצע שטיקל אַרבעט אָפּגעטאָן.

— ווייסט איר וואָס, — מאַכט דער עלטסטער, — לאָמיר וואַרפן גורל.

— גוט.

האָט מען געוואָרפן גורל, איז געפאַלן, אַז דער יינגסטער זאָל זיך באַהאַלטן אונטערן בעט און נאָכקוקן פאָרוש דעם זעער.

ד ע ר נ ס

אַז שמערל איז אויפגעשטאַנען, זיך אויסגעגענעצט, אויסגעצויגן די ביינער, האָט מען אים דערלאַנגט אַ גוט גלאָז טיי. האָט ער עס אויסגעטרונקען, צוגעביסן מיט טייערע זעמעלעך און גענומען שפּאַצירן איבערן צימער.

שפּאַצירט ער אַזוי אַרום, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן — ניטאָ וואָס צו טאָן. זעט ער גאַנצע פּאָליצעס מיט ביכער. ווערט ער נייגעריק. ער ווייסט אַז קלוגע מענטשן קוקן שטענדיק אַריין אין ספרים, וועט ער אויך כאַפּן אַ קוק. נעמט שמערל אַראָפּ אַ בוך, טוט עס אַ בלעטער, פאַרשטייט ער ניט קיין וואָרט. ער האָט זיך קיינמאָל ניט אויסגעלערנט לייענען. טוט ער אַ וואָרף דעם ספר אויפן דיל. לויפט גלייך צו א באַדינער און הייבט דאָס בוך אויף. נעמט שמערל אַרויס אַן אַנדער בוך, טוט ווייטער אַ בלעטער, זעט גאָרניט, און ווידער אַ וואָרף

דעם ספר אויפן דיל. לויפט צו דער באַדינער און הייבט ווידער אויף דאָס בוך. איז שמערלען געפעלן געוואָרן די שפּיל, האָט ער גענומען בלעטערן יעדן בוך, וואָס האָט זיך געפונען אין צימער.

צום פּרינץ האָט מען דערטראָגן, אַז פּאָרוש דער זעער זוכט עפּעס אין אַלע ביכער און קאָן ניט געפינען. האָט דער פּרינץ באַפוילן, אַז מען זאָל ברענגען נייע ביכער פאַר פּאָרוש דעם זעער: אפשר וועט ער דאָרט געפינען, וואָס ער זוכט.

שמערל האָט געטאָן מיט די נייע ביכער ווי מיט די אַלטע, אַ בלעטער געטאָן, געכאַפּט אַ קוק — און אַ וואָרף אויפן דיל. אַלע וואונדערן זיך און וואַרטן, וואָס וועט דאָ זיין? וואָס וועט דאָ זיין?

צווישן אַלע ביכער, וואָס מען האָט דעם שוטה געבראַכט, האָט זיך פאַרוואַלגערט אַ קינדעריש צאַצקע־ביכל: אַ דין ביכעלע מיט רויטע טאָוועלעך און מיט אַסך בילדער. איז ד אָ ס שמערלען געפעלן געוואָרן. האָט ער דאָס ביכל אַ ביסל לענגער געהאַלטן איידער ער האָט עס געעפנט. האָבן אלע געוואַרט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

שמערל האָט אַן עפן געטאָן דאָס ביכל, זיך אַריינגעזעצט אין אַ ווייכער שטול, און אָנגעהויבן פּאַמעלעך באַקוקן די בילדער. קוקט ער און קוקט, זעט בילדער פון אַלערליי חיות, פרייט זיך שמערל ווי אַ קינד: אָט דאָס איז אַ ביכל! איצט זעט ער, פאַרוואָס אַלע האָבן ליב ביכער.

האָט שמערל אַזוי געבלעטערט דאָס ביכל און זיך אָפּגע־שטעלט אויף אַ זייט, וואו עס איז געווען אויסגעמאָלן אַ גרויסער שיינער הונט. דער הונט איז געווען אויסגעמאָלן ווי ער ליגט אויסגעצויגן האַלב־דרעמלענדיק, אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אויף די לאַפּעס. קוקט שמערל אויפן הונט און קאָן זיך זאַט ניט אָנקוקן. אַזוי שיין, ווי אַ לעבעדיקער! קוקט ער פריער מיטביידע אויגן, דערנאָך מאַכט ער צו איין אויג, כדי צו זען דעם הונט בעסער. דוכט זיך אים אַז דער הונט איז אַ לעבעדיקער, נאָר אָט אַזוי זיך איינגעשלאָפן.

וואַרט שמערל, לאָמיר זען ווי לאַנג קאָן אַ הונט ליגן אַזוי רואיק ! ער וואַרט און וואַרט, פינף מינוט, צען, פופצן, אַ גאַנצע שעה. דער הונט שטייט ניט אויף. ווערט שמערל אין כעס, כאַפּט זיך אויף פון שטול מיטן ביכל אין האַנט, קוקט שאַרף אויפן הונט און שרייט אויס :

— שטיי אויף, דו פוילער הונט ! אַרויס, און שטיי אויף ! וואָס מיינסטו, דו וועסט דאָרט אייביק אַזוי ליגן ?

דער באַדינער אונטערן בעט איז געבליבן אַ פּאַרציטערטער. מיין גאָט, דאָס הייסט געטלעך ! און ער איז אַרויסגעקראָכן פון אונטערן בעט, איז געפאַלן שמערלען צו די פיס מיט אַ געוויין און אַ געיאָמער :

— געטלעכער מאַן, איך האָב ניט געגנבעט, דאָס האָבן מיינע חברים געטאָן. זיי האָבן באַהאַלטן די גנבה אונטערן עפּלבוים אין גאָרטן.

האָט מען באַלד געכאַפּט די דריי גנבים, געשמידט אין קייטן און פאַרשפּאַרט אין תפיסה. און שמערל נאַר האָט מען אָנגעלאָדן מיט מתנות ווי נאָר אַ פּרינץ קאָן. האָט שמערל נאַר אָנגעשטאָפּט זיין טאָרבע מיט די מתנות, אַוועק ווייטער אין דער גרויסער וועלט אַריין, אַ בעטלער ווי אַלע בעטלער, אָבער...



שמערל נאַר כאַפּט אַ שווינדלער

רעב זלמן און זיין שאַטן קלמן

רעב זלמן, דער גרויסער גביר, איז געווען אַ מענטש אַ פּאַרנעם. געווען הויך, געהאַט אַ גרויסע באָרד, קלוגע אויגן, אַ ברייטן שטערן און האָט ליב געהאַט גיין גע־קליידט זויבער און שיין.

האָט ר׳ זלמן געהאַט אַ משרת קלמן, אַ פערד־אָנטרייבער. איז קלמן אויך געווען אַ שיינער יונג מיט אַ רויט בערדל און שוואַרץ־פלאַמענדיקע אויגן, האָט אויך ליב געהאַט גיין אָנגעטאָן ריין, און האָט שטענדיק געטראָגן זיין באַלעבאָס אַלטע קליידער.

אַ גוטער משרת איז קלמן געווען. אָפּגעהיט די פערד, געהאַלטן דעם פאַיעטאָן ריין און שיין אויסגעפּוצט. דאָס הויז אין שטאַל איז שטענדיק געווען פריש, דער האָבער ניט פאַרלעגן. די עמער צום אָנטרינקען די פערד האָבן געגלאַנצט.

קלמן פלעגט אויך פאָלגן אַ גאַנג, ער איז געווען אַן ערלעכער יונג, קיינמאָל ניט געטרונקען, פלעגט גיין אין צייט שלאָפן. מיט איין וואָרט: אַ גוטער משרת.

איין חסרון האָט געהאַט קלמן, ער פלעגט ליב האָבן נאָכמאַכן זיין באַלעבאָס זלמן. ער פלעגט טראָגן זיין באַלעבאָס קליידער, און גיין פונקט ווי ער, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן. איין אויג האַלב צוגעמאַכט, איין אַקסל אויפגעהויבן, און דעם קאָפּ אַביסל אָן אַ זייט.

פלעגן מענטשן לאַכן: זלמן און זיין שאָטן.

איינמאָל אין אַ הייסן זומער־טאָג פאָרט ר׳ זלמן מיט זיין אָנטרייבער קלמן ערגעץ אין אַ וייטער שטאָט צוליב געשעפט, דער טאָג איז אַ שיינער אָבער זייער אַ הייסער. די פערד לויפן

שנעל, אָבער ס׳איז פאַרט הייס. זיצט זיך ר׳ זלמן ברייט פאַנאַנ־דערגעשפּיליעט, פילט זיך גוט און צופרידן, און ברומט זיך אַ לידל.

ברומט אים נאָך קלמן וואָרט און וואָרט.
בייט ר׳ זלמן דעם ניגון און די ווערטער.
זינגט אים קלמן ווידער נאָך וואָרט אין וואָרט.
טוט ר׳ זלמן אַ קרעכץ: אַך, ס׳איז הייס, אַ חמימה!
זאָגט אים נאָך קלמן: אַך, ס׳איז הייס, אַ חמימה!
ווערט שוין ר׳ זלמן אין כעס און רופט זיך אָן:

— בהמה, פערד, יאָלאָפּ איינער, ווייסט נאַר ווי צו שטופּן די נאָז וואו מען דאַרף ניט, אַ מענטש אַזוינער! אפשר ווייסטו ווי ווייט מיר זיינען פון דער סאַזשעלקע? דאַכט זיך אַז דאָ אין וואַלד געפינט זי זיך.

— ניט ווייט, באַלעבאָס.

— ווי ניט ווייט?

— נאָך אַ צען מינוט פאָרן.

— גוט, טאָ טרייב די פערד. דאָרטן וועלן מיר זיך אָפּ־שטעלן און זיך אָפּבאָדן, אַ היץ אַזאַ!

— גוט, באַלעבאָס.

זיינען זיי צוגעפאָרן צו דער גרינער סאַזשעלקע. אָפּ־געשטעלט די פערד, איז ר׳ זלמן אַראָפּ פון וואָגן, אויסגעקליבן אַ פאַרבאָרגן פּלאַץ צווישן די קוסטעס, זיך אויסגעטאָן און אַריין אין וואַסער. קלמן האָט געטאָן דאָס זעלבע.

דער משרת ווערט באַלעבאָס

רעב זלמן האָט זיך געבאָדן אַ לאַנגע צייט. אַז ער האָט זיך געזעטיקט, איז ער אַרויס פון טייכל צוריק צווישן די קוסטעס זיך אָנטאָן. ער קוקט אַהער, ער קוקט אַהין, — ניטאָ די זאַכן. זוכט ער בעסער, קוקט פאַר־



זיכטיקער, — ניטאָ. עפּעס ליגן יאָ אין פעלד קליידער, אָבער דאַכט זיך ניט זיינע. ער הויבט אָן צו רופן: קלמן, קלמן, — ניטאָ קיין ענטפער. וואָס קאָן דאָס זיין? — וואונדערט ער זיך. האָט זיך ר׳ זלמן אַרומגעדרייט אַ שטיקל צייט, טראַכט ער ס׳איז קיין תכלית ניט: ווי גייט עס אַ מענטש אַזוי אַרום אָדם־נאַקעט? האָט ער אָנגעטאָן די קליידער, וואָס ער האָט געפונען און איז אַרויס אויפן שליאַך. זעט ער די פערד זיינען אויסגע־שפּאַנט, שטייען און קייען געשמאַק האָבער. און אין פאַיעטאָן זיצט קלמן, אָנגעטאָן אין ר׳ זלמנס קליידער. זיצט און רויכערט אַ פּאַפּיראָס און בלאָזט דעם רויך. ווערט ר׳ זלמן אין כעס:

— העי דו, שמייסער, וואָס איז דאָס פאַר אַ חוצפּה? צוגענומען מיינע קליידער און מיך געלאָזט אַ נאַקעטן. אַראָפּ, דו שייגעץ איינער. טו אויס מיינע קליידער, נעם דיר דיינע שמאַטעס, און שפּאַן איין די פערד.

קוקט אים דער שמייסער אָן מיט איין אויג און זאָגט זיך געלאַסן:

— דו ביסט, זעט אויס, אַראָפּ פון זינען, קלמן. ווי רעדט מען עס אַזוי צו אַ בעלעבאָס?!

— צו אַ באַלעבאָס?! — קאָכט זיך דער גביר, — וואָס, דו האָסט ניט דערקענט דיין באַלעבאָס זלמן?

— דו ביסט ר׳ זלמן?

— ווער דען? דו ביזט עס?

— אָודאי בין איך זלמן. אוי־ווא, אוי־ווא, — מאַכט קלמן אַ מינע, — מיין שמייסער איז אַראָפּ פון זינען.

— דו ביסט אַראָפּ פון זינען.

— הער זיך איין, קלמן, — זאָגט דער שמייסער רואיק, — דו טענהסט אַז דו ביסט זלמן, זאָל זיין אַזוי, אָבער דערווייל שפּאַן איין די פערד און לאָמיר פאָרן. ס׳איז שוין שפּעט.

— איך זאָל שפּאַנען די פערד?!

— ווער דען ? און ווידער, ווילסט ניט, שפּאַן ניט. בלייב דאָ אַליין אין וואַלד. וועלף האָבן ליב מענטשן.

זעט שוין ר׳ זלמן אַז ער איז אַריינגעפאַלן. שפּאַנט ער איין די פערד, זעצט זיך אויף דער קעלניע, און הייבט אָן פאָרן. און קלמן זיצט זיך ברייט אין פאַיעטאָן און זינגט.

— שוויג, — בייזערט זיך ר׳ זלמן, און טרייבט ווייטער די פערד.

ענטפערט קלמן שפּאָטיש :

— בהמה, פערד, יאָלאָפּ איינער, ווייסט נאָר ווי צו שטופּן דיין נאָז וואו מען דאַרף ניט. אַ מענטש אַזוינער.

שווייגט נעבעך ר׳ זלמן און טרייבט די פערד.

זיינען זיי געפאָרן אַ נאַכט מיט אַ טאָג, ביז זיי זיינען געקומען אינדערפרי אין אַ גרויסער שטאָט. פאַרפאָרן אויף אַן אכסניא, איז קלמן, אָנגעטאָן ווי אַ סוחר, עלעגאַנט און שיין אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן, און געהייסן ר׳ זלמנען אויסשפּאַנען די פערד. אָבער ר׳ זלמן האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען שרייען :

— גוואַלד, יידן, ראַטעוועט, אָט־דער משרת האָט מיך באַרויבט.

זיינען מענטשן זיך צוזאַמענגעלאָפן. דערציילט זיי ר׳ זלמן זיין ביטער האַרץ, און קלמן שטייט פון דער ווייטנס און לאַכט :

— נאַרישקייטן, מיין משרת איז אַראָפּ פון זינען. אָט זעט, איך האָב מיט זיך אַלע מיינע פּאַפּירן און דעם בייטל מיט געלט. ווען איך וואָלט געווען דער משרת און אים באַרויבט, וואָלט איך דאָך אים געווען דערהרגעט און אַריינגעוואָרפן אין טייך אַריין. מיר זיינען געווען ווייט פון אַ שטאָט. קיינער וואָלט דערפון ניט געווען וויסן. איך זאָג אייך, יידן, ער איז מיין משרת און איז פשוט אַראָפּ פון זינען.

האָבן די מענטשן געזען אַז קלמן רעדט איידל, געלאַסן, האָט שיינע מאַניערן, האָבן זיי אים געגלייבט. זעען זיי אָבער אַז דער אָנטרייבער שטייט פאָרט און שרייט גוואַלד, זאָגן זיי אַז מען זאָל גיין צום רב, ער זאָל פּסקענען ווער עס איז גערעכט.

שמערל נאַר נאַרט אָפּ דעם שווינדלער

קומען זלמן און קלמן צום רב און לייגן פאָר זייערע טענות. הערט דער רב אויס, קוקט זיך צו צו זיי ביידן, און זעט ווי ביידע האָבן כמעט דעם זעלביקן אויסזען, די זעלבע מינעס, טראַכט ער אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט. אָבער ווי אַזוי קען מען אויסגעפינען דעם אמת? זיצט ער און טראַכט און טראַכט און קאָן זיך ניט דערטראַכטן.

דערווייל האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אַן עולם מענטשן, מען רעדט, מען טענהט און מען קאָן קיין טאָלק ניט דערגיין.

אינדעם, קומט אָן אַן אָרעמאַן, אָנגעטאָן אין אַלטע צעריסענע קליידער, גייט און שטעלט זיך אָפּ ביי די הייזער און זינגט אַ לידל:

גוטע מענטשן, האָט רחמנות,
העלפט אַ קבצן אין זיין נויט,
שענקט אַן אביון אַ נדבה,
גיט אים כאָטש אַ שטיקל ברויט.

האָט איינער פון עולם דערקענט דעם אָרעמאַן: — ס'איז דער אייגענער וואָס האָט אויסגעפונען די גנבים ביי אונדזער פּרינץ, — האָט ער געזאָגט. — ער איז אַ לאַמעדוואָווניק. לאָמיר דערציילן דעם רב.

רופט דער רב אַריין שמערל נאַר אין הויז, און דער עולם שפּאַרט זיך אויך אַריינצוגיין.

— זאָל מען אַריינברענגען דעם סוחר מיט זיין אָנטרייבער, — האָט דער רב באַפוילן.

האָט מען אַריינגעבראַכט ר' זלמנען און קלמנען, און ביידע האָבן ווידער פאָרגעלייגט זייערע טענות. הערן אַלע נאָך אַמאָל אויס די טענות, און שמערל נאַר הערט כלומרשט אויך. אין דער אמתן ליגט אים אָבער אין קאָפּ די קיך. עס טראָגט זיך פון דאָרטן אַזאַ גוטער ריח פון פּוטער־געבעקס.

נאָכן טענהן שיקט דער רב אַרויס ר' זלמנען און קלמנען און ווענדט זיך צו שמערל נאַר:

— נו, רבי, ווער איז גערעכט ?

— ווער איז גערעכט ? — חזרט שמערל נאַר איבער.

— איך מיין, ווער איז פאָרט דער באַלעגאָלע און ווער איז דער סוחר ?

— דער סוחר איז דער סוחר און דער באַלעגאָלע איז דער באַלעגאָלע, — ענטפערט שמערל נאַר.

— אָבער יעדער איינער טענהט דאָך, אַז ער איז דער סוחר !

— עס קאָן ניט זיין ביידע זאָלן זיין סוחר, — ענטפערט שמערל נאַר.

— אָבער אַזוי טענהן זיי דאָך, און ווי קאָן מען אויסגעפינען דעם אמת ?

פאַרשטייט ניט שמערל וואָס מען וויל פון אים. וואָס הייסט מען ווייסט ניט ? זאָל מען אַריינרופן דעם באַלעגאָלע, דערנאָך דעם סוחר און זיי פרעגן. און ער גייט טאַקע באַלד צו צום פענצטער און צעשרייט זיך :

— באַלעגאָלע, משרת, קום אַהער !

קלמן, פון געוואוינהייט, האָט זיך אויף גיך אַ שטעל געטאָן און איז צוגעלאָפן. ער האָט זיך גלייך געכאַפּט וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט צו כאַפּן צוריק. דער עולם האָט דערזען און פאַרשטאַנען אַז דער פאַרשטעלטער

סוחר איז דער אמתער באַלעגאָלע. האָט מען קלמנען געכאַפּט און אַריינגעזעצט אין תּפיסה.

ר׳ זלמן האָט זיך שטאַרק געפרייט און געגעבן שמערלען אַ העלפט פון זיין געלט און דעם פאַיעטאָן מיט די פערד, אַ באַלוינונג פאַר זיין גרויסער חכמה.

שמערל נאַר לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן, נעמט דאָס געלט און שפּאַרט עס אַריין אין טאָרבע, פאַרקויפט דאָס פערד און דעם פאַיעטאָן, און לאָזט זיך אין דער ווייטער וועלט אַריין.

גייט שמערל נאַר, אַ בעטלער מיט אַ זאַק אויף דער פּליי־צע, אַ שטעקן אין האַנט, אַ בעטלער ווי אַלע בעטלער, אָבער —

טרוקענע קיכלעך

דער קוילן ברענער און זיינע צוויי טעכטער

טיף, טיף, אין וואַלד, אויף אַ באַרג, צווישן צוויי טאָלן האָט אַמאָל געלעבט אַ קוילן ברענער מיטן נאָמען בוני. אַן אָרעמער ייד געווען. געלעבט אין אַ קליין שטיבעלע אויפן שפּיץ באַרג און געצויגן זיין חיונה פון וואַלד. זיין פרוי איז מיט יאָרן צוריק געשטאָרבן, איז ער געבליבן מיט צוויי טעכטער. די עלטערע האָט געהייסן שרה און די יינגערע בלומקע.

שרה, די עלטערע, איז געווען שטיל ווי אַ טויב און אַרבעט־זאַם ווי אַ מוראַשקע. בלומקע איז געווען אַ שטיפערקע, אַן אומרואיקע. צוויי שוועסטער פון איין טאַטע־מאַמע און אַנדערש אין כאַראַקטער און ניט גלייך אין אויסזען. שרה, אַ טונקעלע מיט צוויי ברוינע אויגן און אַ לענגלעכן פּנים. בלומקע, אַ בלאָנדע מיט בלויע אויגן און אַ קיילעכדיק פּנים.

דער טאַטע פלעגט אַוועק אַ בליאַסק אויף טאָג אין וואַלד צו זיין אַרבעט, האַקן ביימער, צוזאַמענלייגן דאָס האָלץ אין אַ סקירדע, אַרויפלייגן גרינע צווייגן אויף דער סקירדע, אויף די צווייגן פלעגט ער אַרויפשיטן ערד, זאַמד, מאַכן אַ קליינע עפענונג פון אונטער דער סקירדע און אונטערצינדן דאָס האָלץ. נאָכדעם ווי דאָס האָלץ האָט זיך אַביסל פאַנאַנדערגעברענט האָט ער פאַרשטעלט די עפענונג און אַראָפּגענומען אַביסל ערד פון די צווייגן, האָט דאָס האָלץ ניט געברענט אַזוי שנעל, נאָר זיך געריכערט. ס'איז ניט געווען גענוג לופט. פלעגט ברענען אַ סקירדע האָלץ אַ חודש, צוויי, ביז ס'איז פאַרוואַנדלט

געוואָרן אין האַלץ־קוילן. שפּעט אין אַ שטילער זומער נאַכט, אָדער אין אַ ווינטערדיקן קלאָרן אָוונט, פלעגט מען זען אַ רויך זיך שלענגלען אין וואַלד, — איז אַמאָל אַ פאַרבלאָנדזשעטער דורכפאָרער פאַרפאָרן צום קוילן ברענער. עס פלעגט אָבער טרעפן זעלטן.

געוויינטלעך פלעגן זיי זיין אין גאַנצן אַליין. — דער טאַטע אין וואַלד, שרה אין הויז און בלומקע פלעגט אַרומלויפן אין וואַלד און אין פעלד. זי פלעגט אַרומלויפן אַ באָרוועסע, מיט אַ הוילן קאָפּ, ניט מורא געהאַט פאַר ווינט און רעגן. יאָגן זיך נאָך שמעטערלינגען, פייגעלעך. נאָכקרימען דעם גרילצן פון גראָז־שפּרינגער, דעם מרוקן פון העזעלעך און טרילען פון פייגעלעך.

אַ וואַלד מיידל.

אין אָוונט פלעגט זי אַריינפאַלן אין שטוב מיט אַ געשריי:

— עסן, שרה!

— שאַ, איצט איז זי דאָ, — האָט שרה געענטפערט, — און וואו ביסטו געווען אַ גאַנצן טאָג, שוועסטער?

— אין ערגעץ ניט, — האָט בלומקע געענטפערט.

— טאַקע אין ערגעץ ניט, — האָט שרה באַמערקט, — דאָ אין שטוב אַוודאי ניט. נו, אַז אין ערגעץ ניט, טאָ פאַרוואָס איז די הויט פון דיינע פיס צעריסן, און דו ביסט טויט מיד און הונגעריק? אויף דער באַנק ביסטו זיכער ניט געזעסן.

— געשוואומען אין אָזערע — האָט בלומקע געענטפערט.

— גאָר ניט מורא געהאַט?

— פאַר וועמען? איך קאָן שווימען ווי אַ פיש.

— וואו נאָך ביסטו געווען?

— אין ערגעץ ניט, אין ערגעץ ניט. איך וויל עסן.

— עס ווייסט נאָר צו שרייען עסן — — — עסן.

— אַזוי, האָט בלומקע געענטפערט אַ באַליידיקטע — איך קאָן קרייען ווי אַ האָן, האַווקען ווי אַ הונט און טרילען ווי

אַ פּיגעלע. ווילסט הערן ? — און בלומקע צעלאָזט זיך ווי אַ קאַנאַריקל.

— נו, שאַ, שאַ, נאַ עס, פאַרשטאָפּ דאָס מויל.

אַזוי האָבן געלעבט די צוויי שוועסטער. אָפט געשריען איינע אויף דער אַנדערער, זיך געבייזערט אָבער זיך באמת ליב געהאַט.

יאָרן זיינען פאַריבער. די מיידלעך זיינען אונטערגעוואָקסן און געוואָרן שיין ; שיין ווי יונגע בעריאָזעס אין פרילינג און חנעוודיק ווי די בלויע קאָרן־בלימלעך. און אַזוי ווי די קאָרן־בלימלעך זיינען באַהאַלטן צווישן די זאַנגען, אַזוי זיינען די מייד־לעך געווען באַהאַלטן אין וואַלד. קיינער האָט זיי ניט אָנגעקוקט. קיין לעבעדיקער מענטש ניטאָ אַרום. הימל און וואַלד,ביימער און מאַך, צווייגן און פעלד־בלומען.

אַ צעבראָכענער אַקס

טרעפט עפּעס אַמאָל אין אַ זומער טאָג :

אַ רייכער סוחר מיטן נאָמען שמואל איז געפאָרן מיט זיין זון שלום אויפן שליאַך. דער טאָג איז אַ הייסער, דער וועג זאַמדיק. די פערד גייען פּאַמעלעך. דער סוחר זיצט אין וואָגן און דרימלט און דער זון זיצט אויף דער קעלניע און דרימלט. פאָרט דער וואָגן פּאַמעלעך און שאָקלט זיך. וויגט איין די סוחרים אין שלאָף. קומט דער וואָגן צו צו אַ וואָרצל פון אַ בוים, טוט זיך דער וואָגן אַ טרייסל. כאַפּט זיך אויף דער זון פון שלאָף, זעט ער ווי די פערד שלעפּן זיך, ווערט ער אין כעס און הייבט אָן קאַטעווען די פערד. צעוויל־דעווען זיך די פערד און צעטראָגן זיך. פאַרטשעפּעט זיך אַן אַקס אָן אַ בוים און צעברעכט זיך אין צווייען. בלייבן זיי שטיין. זיי האָבן ניט קיין האַק צו מאַכן אַ נייע אַקס און אַרום און אַרום איז נאָר בוים און מאַך, מאַך און בוים.

שטייט דער זון ווי אַן אָפּגעמאָלטער און דער טאַטע בייזערט זיך:

— האָט עמעצער געזען אַזאַ ווילדן יונג? שמייסט, קאַטע־ווערט די פערד. וואָס זיינען נעבעך די שטומע חיות שולדיק אַז ס׳איז הייס און דו האָסט איינגעדרימלט? וואָס, די שטומע חיות איז ניט הייס? און וואָס פֿאַר אַן אַיילעניש איז אויף דיר געוואָרן? אָט האָסטו אַן איילעניש, — געבליבן שטעקן אין מיטן. געבליבן שטעקן ווי אַ פּלאָקן. קאָנסט זיך ניט רירן פון אָרט.

דער זון שוויגט, וואָס קען ער ענטפערן? דער טאַטע איז געערגערט. און דער פֿאָטער האָט גערעדט און גערעדט און איז אַנטשוויגן געוואָרן, וואָס איז דאָ צו ריידן? קיין האַק האָט ער ניט און אָן אַ האַק קאָן מען ניט מאַכן קיין אַקס. איז שלעכט.

שוויגן זיי ביידע.

דאָס וואַלד מיידל

שוויגן זיי און דער וואַלד רוישט. רוישט און וואַרפט אָן אַ פּחד, אַ שרעק. ס׳איז טאַקע אַ העלער זומער טאָג אָבער פון ביידע זייטן זיינעןביימער. פון פאָרנט ביימער, פון הינטן ביימער, אַ שטיק בלאָער הימל פון אויבן, אַפּאָר זון שטראַלן דורך די צווייגן און אַרום איז וואַלד און וואַלד. טראָגט זיך אַ באַהאַלטענע שרעק פון וואַלד און זי שפּאַרט אָן צו די צוויי מענטשן אויפן שליאַך.

שטייען זיי ביידע דערשראָקענע, און מיט אַמאָל דערהערן זיי אַ געזאַנג פון וואַלד. אַ געזאַנג פון אַ מיידל:

זאָג נאָר דו איינער,
דערצייל עס נאָר מיר,
פיס האָט עס פיר
און ס׳איז ניט קיין טיר (חיה).

דאָס קול שטעלט זיך אָפּ ווי עס וואַרט אויף אַן ענטפער. קיין ענטפער קומט ניט. הערט זיך ווייטער דאָס קול, שוין ניט זינגענדיק:

— שאַ, ווייסט ניט, קאָנסט ניט טרעפן די רעטעניש? איך וועל דיר געבן אַנדערע סימנים:

עס האָט אויך פעדערן
און ס'איז ניט קיין פויגל.

— כאַ, כאַ, כאַ, צעלאַכט זיך דאָס קול: ווייסט נאָך אַלץ ניט? גלאָמפּ איינער! — ס'איז אַ בעט. ס'האָט פיר פיס און ס'איז ניט קיין חיה, ס'האָט פעדערן — אין די קישנס און פערע־נעס און ס'איז ניט קיין פויגל.

דערשרעקן זיי זיך נאָך מער. הערן זיי ווייטער:

— זאָג נאָר דו איינער,
דערצייל עס נאָר מיר.
העכער ווי אַ הויז,
נידעריקער ווי אַ מויז,
זיס ווי צוקער
ביטער ווי גאַל?

— ווייסט ניט, יאָלאָפּ איינער, גלאָמפּ? דאָס איז דאָך אַ בין. פליט העכער ווי אַ הויז, ס'איז דאָס קלענער ווי אַ מויז. טוט אַ ביס איז עס ביטער ווי גאַל, און עס גיט האָניק וואָס איז זיס ווי צוקער.

און דער סוחר און דער זון זעען ווי פון וואַלד גייט אַרויס אַ מיידל, אויף איר לינקן אַקסל שטייט אַ וועווערקע, און דאָס מיידל טענהט זיך אויס מיט דעם חיהלע. אַז דער זון דערזעט דאָס מיידל, דערשרעקט ער זיך און טוט אַ געשריי:

— טאַטע!

טוט אַ שפּרונג די וועווערקע גלייך אויף אַ בוים און דאָס מיידל פאַרשווינדט צווישן דיביימער.

ווערט דער סוחר אין כעס און צעשרייט זיך:

— וואָס האָסטו זיך אַזוי צעליאַרעמט, מײַן זונעלע ?
ענטפערט שלום אָפּ :

— אָי, טאַטע, ס'איז אַ רוסאַלקע.

— וואָס פאַר אַ רוסאַלקע, זאָגט דער טאַטע, נאַרישקייטן ליגן דיר אין קאָפּ. — רוסאַלקעס, וואַלד מיידלעך. איך פאָר שוין דרייסיק יאָר איבער וועלדער און האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען קיין רוסאַלקע. ס'איז אַ יידישע טאָכטער. האָסטו זי ניט געהערט זינגען און ריידן יידיש ?

און דער פאָטער הייבט אָן רופן :

— מיידל, מיידל, ביי אונדז האָט זיך אַן אַקס צעבראָכן. אפשר ווייסטו, וואו מיר קאָנען קריגן אַ האַק צו מאַכן אַן אַקס ?

קיינער ענטפערט ניט פון וואַלד.

בייזערט זיך וויטער דער טאַטע :

— אַ זון האָב איך אַ גולם. פריער ווערט ער אין כעס און שלאָגט די פערד, דערנאָך דערשרעקט ער זיך און שרייט. וואָס וועלן מיר איצט טאָן ?

באַווייזן זיך אַפּאַר ליכטיקע בלאָע אויגן צווישן די קוסטעס, דערנאָך אַ בלאָנד גאָלדן קעפל, נאָכדעם אַ געבלומט קליידל.
— דאָס וואַלד מיידל.

זאָגט דער סוחר שטיל :

— האָב קיין מורא ניט, טאָכטער, מיר זיינען יידן. אַן אַקס האָט זיך ביי אונדז צעבראָכן, קיין האַק האָבן מיר ניט. אפשר קאָנסטו אונדז העלפן ?

ענטפערט ניט דאָס מיידל, נאָר טוט אַ מאַך מיט דער האַנט :

— קומט.

גייען זיי איר נאָך. קומען צום שטיבל. קומט זיי שרה אַנטקעגן און דערלאַנגט זיי אַ האַק. מאַכן זיי אַ נייע אַקס

און פאַרריכטן דעם וואָגן. ווערט אָבער שפּעט. בלייבן זיי נעכטיקן.

אין אָוונט קומט דער פּאָטער. דערזעט דעם סוחר מיטן זון, פרייט ער זיך — וועט זיין מיט עמעצן אַ וואָרט אויסריידן. מען קאָן אויך הערן עפּעס נייעס פון דער וועלט.

עסט מען וועטשערע. די מיידלעך דערלאַנגען דאָס עסן און נעמען צו פון טיש. אָפּגעגעסן, גייען די מענער אַרויס אין דרויסן, זעצן זיך אויף דער הילצערנער באַנק, פאַררויכערן און פאַרברענגען. די מיידלעך בלייבן אין שטוב. דער קוילן ברענער און דער סוחר פאַרברענגען. דער זון אָבער הערט ניט וואָס מען רעדט. וואַרפט שטענדיק די אויגן צו דער שטוב. קאָן זיך ניט אָפּרייסן פון דער שיינער בלומקען. און פון שטוב ווייזן זיך בלאָע אויגן און שמייכלען אין דער לבנה־נאַכט.

אינדערפרי, אַ שפּראָץ אויף טאָג, שפּאַנען די סוחרים פערד און וואָגן און פאָרן אַוועק אַהיים.

שלום בענקט נאָך בלומקען

פאָרן די סוחרים און דער טאַטע זעט אַז זיין זון איז טרויעריק. שווייגט, רעדט ניט קיין וואָרט — דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, די אויגן האַלב צוגעמאַכט — אַ מענטש איז פאַרבענקט. טרויעריק. מיינט דער פאָטער אַז דעם זון פאַרדריסט די מעשה מיט דער אַקס. זאָגט דער טאַטע:

— נו, זון מיינער, ניט כדאַי זיך נעמען צום האַרצן. מילא פאַרפאַלן, אָפּגעטאָן אַ נאַרישקייט.

ענטפערט ניט דער זון. שווייגט. פאַרבענקט. טרויעריק. קוועטשט דער טאַטע מיט די פּלייצעס און שווייגט אויך.

קומען זיי אַהיים. זעט די מאַמע ווי איר זון איז עפּעס פאַרבענקט, הייבט זי אָן פרעגן, פאָרשן. אַ מאַמעס האַרץ דער־פילט. דערציילט איר דער זון:

— כ׳האָב געזען אין וואַלד אַ מיידל, איז זי שיין ווי זיבן זונען און קלוג ווי דער טאָג. איך קאָן זי ניט פאַרגעסן, מאַמע.

— וואָס מיינסטו אַ וואַלד מיידל, מיין זון, פרעגט די מאַמע, אַ רוסאַלקע?

— ניין, — ענטפערט דער זון, — אַ יידישע טאָכטער איז זי — און דערציילט איר די גאַנצע מעשה.

רופט זיך אָן די מאַמע צום טאַטן:

— נו, וואָס שווייגסטו? גיי צוריק אין וואַלד, זע, אפשר קאָן דאָס מיידל אויך ניט פאַרגעסן אונדזער זון און ס׳איז אַ באַשערטע זאַך פון גאָט.

פאָלגט דער סוחר זיין ווייב. שפּאַנט איין פערד און וואָגן און צוריק אין וואַלד אַריין.

געקומען אין וואַלד, געזען דעם קוילן ברענער און דערציילט אים:

— מיין זון קאָן אייער טאָכטער בלומקען ניט פאַרגעסן.

ענטפערט בוני דער קוילן ברענער און זאָגט:

— יאָ, בלומקע איז אויך טרויעריק און פאַרבענקט, זי קאָן ניט פאַרגעסן אייער בחור.

— נו, איז דאָך גוט, זאָגט דער סוחר.

ענטפערט בוני:

— ס׳איז גוט אָבער ס׳איז ניט זייער גוט. איך האָב דאָך אַן עלטערע טאָכטער און עס פירט זיך ביי יידן אַז די יינגערע מאַכט מען ניט חתונה פאַר דער עלטערער.

— איר זייט גערעכט, זאָגט דער סוחר. טאָ זעט מאַכט חתונה די עלטערע טאָכטער. נאַט אייך צוויי טויזנט רענדלעך, פאָרט אין שטאָט, געפינט אַ שידוך און זעט, אַז באַלד זאָל זיין די חתונה. אין אַ חודש אַרום וועל איך צוריקקומען מיט מיין זון.

טרוקענע קיכלעך

בלומקע באַקט קיכלעך

פּונקט צום חודש, צו דער מינוט קומט דער סוחר מיט זיין בן יחיד צום קוילן ברענער שטעלן אַ חופּה.

בוני נעמט אויף די געסט מיט גרויס כבוד און זאָגט:

— אַ גרויסן דאַנק אייך, מחותן, פאַר אייער געלט. איך האָב געטאָן אַ גוטן שידוך. באַ מיר זיינען נאָך געבליבן אַפּאָר רענדלעך, וועל איך פאָרן אין שטאָט איינקויפן אויף דער חתונה. איך וועל קויפן סחורה פאַר דער כלהס אויסשטייער — אַ ווייס חופּה־קלייד, און אַ סאַמעטן קלייד אויפן פאַרשפּיל. נו, איך וועל אויך ברענגען בראַנפן, זען אָנבאַקן לעקעך — פילן פיש, שטאָפּן העלדזלעך — מאַכן אַ חתונה ווי עס פּאַסט פאַר אַ גביר.

ענטפערט שלום דעם סוחרס זון און זאָגט:

— איך וויל ניט וואַרטן אפילו קיין טאָג ביז איר וועט צוריקקומען פון שטאָט. איך דאַרף ניט קיין פאָרשפּיל און איך וויל ניט קיין לעקעך און בראַנפן. איך וויל ניט קיין קליידער און וויל ניט קיין צירונג. איך וויל, מען זאָל שטעלן אַ חופּה.

— אַז אייך איז ליב איז מיר ניחא, ענטפערט דער קוילן ברענער, אָבער מען דאַרף דאָך האָבן עדות, כאָטש איין עדות. און דאָ זיינען פאַראַןביימער אַלערליי אָבער ניט קיין פרעמדע מענטשן. מען מוז דאָך האָבן אַ פרעמדן פאַר אַן עדות.

— איך וועל אַרויס אויפן שליאַך אָפּוואַרטן אַ דורכגייער און ברענגען אים פאַר אַן עדות, האָט געענטפערט דער סוחר.

געזאָגט און געטאָן. ער איז אַוועק צום שליאַך.

זאָגט בוני דער קוילן ברענער צו זיין טאָכטער:

— טאָכטערשי ליבע, דער מחותן איז אַוועק צום שליאַך זוכן אַ דורכפאָרער, דערווייל מאַך עפּעס צו פאַרבייסן. אַביסל שנאַפּס איז געבליבן, וועט זיין צו מאַכן אַ ברכה.

— איך קאָן ניט באַקן קיין שטאָטישן לעקעך, ענטפערט

בלומקע, אָבער קאָרענע טרוקענע פּלעצלעך קאָן איך מאַכן, טאַטעשי!

— גוט, זאָגט בוני, באַק וואָס דו קאָנסט.

שמערלען געפעלן די קיכלעך

שטייט דער סוחר אויפן שליאַך און קוקט אויס די אויגן. זעט קיינעם ניט. ס'איז ווייט פון אַ ישוב. וואַרט ער אַ שעה, צוויי, דריי, ס'ווערט שפּעט. זעט ער מיט־אַמאָל אַן אָרעמאַן אָנקומען. עס גייט אַ ייד מיט אַ פּאַק אויף די פּלייצעס. — אַ נאַרישעוואַטער ייד, אַ צעקודלטע באָרד, אַ גרויסער שטעקן אין האַנט, לאַנגע גרויסע שטיוול אויף די פיס און טאָפּטשעט איבערן שליאַך. טראַכט דער סוחר: ס'איז עפּעס ניט אַזאַ וואַזשנער פּאַרשוין, נאָר מילא אַז עס פעלט חלה אויף שבת, מאַכט מען קידוש אויף שוואַרץ ברויט, אַז עס איז ניטאָ קיין געפילטע פיש צעהאַקט מען אַ הערינג מיט ציבעלע. זאָגט דער סוחר צום אָרעמאַן:

— זייט אַזוי גוט, ליבער פרעמדער, קומט מיט מיר אָט דאָ ניט ווייט. מיר דאַרפן שטעלן אַ חופה און מיר האָבן ניט קיין עדות. איך וועל אייך באַפרידיקן. מירן אויך האָבן אַביסל משקה און עפּעס צו פאַרבייסן.

הערט שמערל נאַר „עפּעס צו פאַרבייסן", גייט ער.

געקומען אין שטיבל. מאַכט מען ניט קיין צערעמאָניעס און מע שטעלט באַלד אַ חופה. נאָך דער חופה דערלאַנגט מען אַביסל משקה און טרוקענע קאָרענע קיכלעך, וואָס בלומקע האָט געבאַקן. נעמט דער מחותן אַ שטיקל קיכל אין מויל — קייט עס און קייט. און וואָלט ער זיך ניט געשעמט וואָלט ער עס אויסגעשפּיגן. עס האָט געהאַט דעם טעם פון טרוקענעם גראָז. בוני אָבער עסט די קיכלעך, צו בעסערס ניט געוואוינט געווען, און שמערל נאַר קייט אויף ביידע באַקן. זעט דער

פאַטער און אויך דער חתן אַז דער אָרעמאַן האָט שטאַרק הנאה פון די טרוקענע קיכלעך, שטופּן זיי אים אונטער נאָך. שמערל נאַר לאָזט זיך ניט בעטן, נעמט וויפיל מען גיט אים. האָט ער אויפגעגעסן וויפיל נאָר ער האָט געקאָנט, און די איבעריקע קיכלעך האָט ער אַריינגעלייגט אין טאָרבע. נישקשה, ס'וועט צונוץ קומען.

בלומקע אין דער גרויסער שטאָט

שלום האָט מיטגענומען זיין יונג ווייבל אין דער גרויסער שטאָט, אין זיין גרויס הויז אַריין. בלומקע איז אַלעמען געפעלן געוואָרן. שיין איז זי ווי זיבן זונען, אַ צינגל האָט עס אַ גלאַטס און אַ קולכל ווי אַ קאַנאַריק.

בלומקע האָט געקוקט אויף דעם שיינעם מעבל, אויף די טייערע טעפּעכער, און איר האַרץ איז געווען פול מיט פרייד. אַזאַ רייכטום, אַזאַ ראָסקאָש. זי האָט זיך זאַט ניט געקאָנט אָנקוקן מיט דעם הויז, מיט דעם מעבל, מיט די מענטשן און מיט דער גרויסער שטאָט. זי האָט זיך אָבער באַלד צוגעוואוינט צום רייכן לעבן.

עס איז געווען אויף דער דריטער וואָך.

בלומקע איז אויפגעשטאַנען פרי. די צימערן זיינען געווען באַגאָסן מיט ליכט, די דילן צוגעדעקט מיט דיקע ווייכע טעפּע־כער, און די ווענט באַהאָנגען מיט שיינע בילדער. בלומקע האָט זיך אויסגעצויגן אין דעם ווייכן בעט, וואָס איז געווען באַדעקט מיט זיידענע ציכלעך. אַי, ס'איז גוט, האָט זי מיט אַ שמייכל געזאָגט צו זיך אַליין. באַלד האָט זי זיך אויפגעזעצט, אַראָפּגעלאָזט די פיס פון בעט און געזוכט די שטעק־שיך, און זיך פאַרקרימט, — ניטאָ קיין שטעק שיך. אַזאַ סקאַנדאַל. זי האָט אָנגעהויבן שרייען, ליאַרעמען:

— וואו זיינען מיינע שטעק־שיך? מיינע שטעק־שיך וואוהין זיינען אַהינגעקומען?

די דינסטן זיינען אַריינגעלאָפן אין שלאָף צימער און גע־פרעגט מיט שרעק:

— וואָס האָט געטראָפן, באַלעבאָסטע, וואָס איז געשען?

— שטיקער פלייש, האָט זיך בלומקע צעשריען, גלאָמפּן, וואו זיינען מיינע שטעק־שיך? ווי קאָן מען אַראָפּ פון בעט מיט באָרוועסע פיס?

די דינסטן האָבן זיך געאײַלט און איר געבראַכט אַ פּאָר שטעק־שיך. בלומקע האָט אַ קוק געטאָן אויף די שטעק־שיך און האָט זיך נאָך מער אָנגעצונדן:

— וועלכע שטעק שיך ברענגט איר מיר? וועלכע שטעק שיך? איך האָב געוואָלט די זיידענע, וואָס זיינען באַפּוצט מיט פוטער. מיינע פיס קאָנען ניט פאַרטראָגן די האַרטע לעדער.

— מיר האָבן געמיינט אַז די באַלעבאָסטע האָט ליב די רויטע לעדערנע שטעק־שיך, האָבן די דינסטן געענטפערט.

— אַזוי, איר רעדט אַנטקעגן? האָט זיך בלומקע נאָך מער צעקאָכט. איך וועל אייך ווייזן. און זי האָט גענומען וואַרפן אויף די דינסטן, וואָס עס איז איר נאָר געקומען צו דער האַנט. די מיידלעך זיינען זיך צעלאָפן און בלומקע האָט זיך צעוויינט פון פאַרדרוס.

איר מאַן האָט איר געבראַכט די זיידענע שטעק־שיך און זי געטרייסט. ער האָט צו איר גערעדט ווייכע רייד, אָפּ־געווישט אירע טרערן פון די שיינע באַקן מיט אַ זיידן טיכעלע. בלומקע האָט געכליפּעט ווי איינע וואָס איז אין גרויס צער. דעם מאַן האָט עס פאַרדראָסן — אַט נעכטן איז זי אַרומגעלאָפן אַ באָרוועסע אין איין ציצן קליידל איבער וואַלד און פעלד און מיט אַמאָל שוין געוואָרן אַזאַ פּריצטע. אָבער איר האָט ער גאָר ניט געזאָגט. קוים מיט צרות האָט ער זי איינגעשטילט.

בלומקע איז געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ ערגער. זי האָט באַהאַנדלט די דינסטן שלעכט. האָט באַליידיקט איר שוויגער

און קיינמאָל ניט אַרויפגעלאָזן אַן אָרעמאַן אויף די אויגן. דער מאַן האָט געקוקט און געשוויגן, ער האָט געפּרואווט אַלץ פאַר־גלעטן, אָבער וואָס ווייטער איז בלומקע געוואָרן אַלץ ערגער. שלום האָט געפּרואווט זי לערנען מיט גוטן און בייזן, עס האָט אָבער ניט געהאָלפן.

בלומקע באַליידיקט אַן אָרעמאַן

איינמאָל אין אַ פרייטיק צונאַכטס ברענגט איר מאַן שלום אַן אורח אויף שבת. דעם אורח האָט מען געזעצט מיט אַלעמען גלייך אַרום טיש. בלומקע האָט פאַרקרימט איר שיין נעזל. זי וויל מיט אים ניט זיצן ביי איין טיש. דער מאַן האָט געבעטן ניט פאַרשטערן דעם שבת און ניט פאַרשעמען אַ מענטשן. קוים מיט צרות האָט ער ביי איר געפּועלט, זי זאָל בלייבן זיצןביים טיש.

אָבער בלומקע איז לאַנג ניט געזעסן ביים טיש. נאָך די פיש האָט דער אורח אָפּגעווישט דאָס מויל מיט דער לינקער זייט פון זיין האַנט. בלומקע איז אויפגעשפּרונגען און אויס־געשריען:

— איך וויל ניט זיצן מיט אים ביי איין טיש. אָדער די שמוציקע בריאה זאָל גיין אין קיך, אָדער איך גיי אַוועק פון טיש.

און ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער איז זי אַרויסגעלאָפן פון עס־צימער. זי איז אַריינגעלאָפן אין שלאָפצימער און זיך פאַרשפאַרט און גענומען ברעכן, וואָס עס איז איר געקומען אונטער דער האַנט.

מע האָט זי ניט געקאָנט באַרויקן. זי האָט געשריען, געליאַמערט, געשאָלטן און געבראָכן אַלץ וואָס איז געווען אין שטוב.

אַז איר מאַן האָט געזען ווי זי פירט זיך אויף, האָט ער געטראַכט:

— ניין, בלומקע פּאַסט ניט פּאַר אַזאַ שטוב. רייכקייט האָט זי אַראָפּגעפירט פון גלייכן וועג. ס'איז דאָ נאָר איין מיטל, סטראַשען זי מיט אַ גט. אפשר וועט זי זיך דערשרעקן. זי וועט זיך דערמאָנען אין איר אָרעם שטיבעלע אין וואַלד און וועט חרטה האָבן אויף איר שלעכט אויפפירן זיך.

געזאָגט און געטאָן.

מען איז געקומען צום רב זיך גטן. דער יונגערמאַן האָט אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ.

דער רב האָט אים אויסגעהערט און געזאָגט:

— דיינע טענות זיינען גערעכטע, אָבער לאָמיר אויך הערן אירע טענות.

און בלומקע, אַ באַליידיקטע, אַ צעקאָכטע האָט זיך צעשריען:

— ער וויל אַ גט, זאָל זיין אַ גט. איך וויל אים מער ניט אָנקוקן.

און דער רב קוקט אויףביידע יונגע מענטשן, זעט ווי זיי קוקן זיך אָן. ביידע אָנגעכמורעטע און בייזע, אָבער די בליקן פול מיט אַזוי פיל ליבשאַפט, האָט ער געזאָגט:

— אפשר וועט איר פאָרט שלום מאַכן, קינדערלעך?

אָבער בלומקע האָט זיך איינגעעקשנט:

— ניין, אַ גט.

און דער יונגערמאַן האָט זיך געברוגזט:

— אַ גט איז אַ גט.

נו, קאָן מען זיך ניט העלפן.

הייסט דער רב דעם סופר שרייבן אַ גט.

שרייבט דער סופר דעם גט פּאַמעלעך, ווי איינער וואָס האָט געליימטע פינגער — וויל פאַרציען, זאָל נעמען מער צייט, אפשר וועט עפּעס פּאַסירן.

שרייבט דער סופר דעם גט. אין הויז איז שטיל. עס הערט

זיך נאָר דער סקריפּ פון דער געגדזוענער פעדער. פון די אָפענע פענצטער הערט זיך אַ בעטלער געזאַנג:

גוטע מענטשן, האָט רחמנות,
העלפט אַ קבצן אין זיין נויט,
שענקט אַן אביון אַ נדבה,
גיט אים כאָטש אַ שטיקל ברויט.

זאָגט דער רב:

— רופט אַריין דעם בעטלער: עס פעלט אונדז אַן עדות.

גייט דער שמש און רופט אַריין דעם בעטלער. קומט שמערל נאַר אַריין אין רבס הויז. טוט דאָס צעקריגטע פּאָרל אַ קוק אויפן בעטלער און דערקאָנט אים: דער זעלביקער בעטלער, וואָס איז געווען ביי דער חופה. פאַרשעמען זיי זיך ביידע. אָבער זייער עקשנות איז שטאַרק און זיי שוויגן ביידע.

שמערל נאַר בעט קיכלעך

קוקט שמערל נאַר אַן דאָס פּאָרל און דערקענט זיי אויך. דערמאָנט ער זיך אָן די האַרטע קיכלעך. אַיי, קיכלעך זיינען דאָס געווען. דער טעם ליגט אים נאָך איצט אין מויל. מיינט שמערל נאַר, אַז מען וועט איצט ווייטער געבן אַזעלכע קיכלעך. זאָגט ער צום רב:

— קיכלעך וועט זיין?

פאַרשטייט ניט דער רב וואָס דער אָרעמאַן רעדט. אַ מאָדנער בעטלער. מיינט אָבער דער רב, אַז ער האָט ניט דער-הערט עפּעס. פרעגט ער איבער:

— קיכלעך?

— יאָ, ענטפערט שמערל נאַר. יאָ, רבי, קיכלעך. אַיי קאָן זי באַקן קיכלעך, טרוקענע, קרוכלע. זיי צעגייען זיך אין מויל.

פאַרשטייט ניט דער רב וואָס שמערל נאַר רעדט, ער האָט אָבער געזען, אַז די קאַלירן האָבן זיך געביטן ביי דעם יונגן פּאָרל, און ביידע שמייכלען שעמעוודיק. דער רב האָט ניט געוואוסט, אַז ביידע האָבן זיך אין עפּעס דערמאָנט. דער יונגערמאַן האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט ניט געוואָלט וואַרטן מיט דער חתונה ביז מען וועט צוגרייטן אַ ריכטיקן מאָלצייט, אַזוי שטאַרק האָט ער ליב געהאַט בלומקען. און דאָס יונגע ווייבל האָט זיך דערמאָנט, ווי אָרעם זי איז געווען צו דער חתונה, האָט ניט פאַרמאָגט קיין רעכטע קליידער, קיין שיך. ניט געקאָנט אפילו צוגרייטן עפּעס רעכטס אויף דער חתונה. האָבן זיי ביידע אַראָפּגעלאָזט די אויגן צום דיל און זייערע הערצער זיינען פול געוואָרן מיט חרטה.

זעט עס דער רב און זאָגט:

— נו, קינדערלעך, ווילט איר זיך נאָך אַלץ גטן?

שווייגן זיי ביידע.

נעמט עס דער רב אָן פאַר אַ גוטן סימן און זאָגט צום סופר:

— צערייסט דעם גט.

האָט דער סופר געפאָלגט.

איצט, זאָגט דער רב צום יונגנמאַן:

— שטעל משקה און קריג ערגעץ גוטע קיכלעך.

האָט מען געשטעלט בראָנפן און לעקעך און טרוקענע קיכלעך. שמערל נאַר האָט געפּאַקט אויף ביידע באַקן און זיך געפרייט.

דער יונגערמאַן האָט זיך אויך געפרייט, געקייט די קיכלעך און געזאָגט:

— אמת, פרעמדער, אמת, די קיכלעך זיינען געשמאַק און גוט.

נאָך דער שמחה האָט דער יונגערמאַן געוואָלט באַלוינען שמערלען. וויל שמערל נאַר ניט נעמען קיין געלט. בורטשעט:

— איך האָב געגוג.
שמייכלען אַלע :
— אַ נייער גביר.
זאָגט דער רב צום יונגנמאַן :
— נעם דאָס געלט און גיב עס אַוועק אָרעמעלייט.
און שמערל נאַר האָט זיך שטילערהייט אַרויסגערוקט און איז ניט געוואָרן —
אַוועק אין דער ווייטער וועלט אַריין. מען וואַרט אויף אים, כאָטש קיינער קאָן אים ניט און קיינער ווייס אים ניט.

דער פאַרזיכערטער

אַ מענטש געבענטשט מיט אַלץ

אין אַ ווייטן לאַנד, אין אַ גרויסער שטאָט האָט געוואוינט זייער אַ רייכער מאַן, זיין נאָמען איז געווען איגדאַל.

ער האָט פאַרמאָגט וועלדער, פעלדער, דערפער און שטעט. אין אַ סך שטעט האָט ער געהאַט פאַבריקן, אין פיל דערפער האָט ער געהאַט גרויסע מאַגאַזינען אָנגעפילט מיט תבואה. אויף אַלע זיבן ימים האָט ער געהאַט שיפן, אָנגעלאָדן מיט עלפאַנטביין און געווירצן פון אינדיע, פרוכטן פון ווייטן מזרח, זייד פון כינע און יאַפּאַן, פערל פון די ווייטסטע אינדזלען און ניט באַאַרבעטע דימענטן פון אַפריקע.

און דער גביר איגדאַל אַליין האָט געוואוינט אין אַ גרויסן פּאַלאַץ מיט הונדערטער באַדינער. דער פּאַלאַץ איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ פּראַכטפולן גאָרטן. אין גאָרטן זיינען געווען שיינע טייכלעך. אין די טייכלעך זיינען אַרומגעשוואומען גאָלדענע פיש. אויף דיביימער האָבן געהאַט נעסטן אַלערליי זינג־פויגלען. צווישן די ביימער זיינען געווען פאַרפלאַנצט פאַרביקע בלומען.

איגדאַל האָט געהאַט אַלץ וואָס זיין האַרץ האָט געגלוסט. ער איז געווען שיין און געזונט. אַ פּנים קלאָר ווייס, אויגן בלאָע, האָר שוואַרץ ווי פּעך. ווען ער פלעגט זיך אָנטאָן אין סאַמעטענע קליידער מיט גאָלד באַפּוצט, האָט ער אויסגעקוקט שיין ווי אַ זומער פרימאָרגן. קיינער האָט זיך ניט געקאָנט געזונג אָנקוקן אויף אים, און מאַמעס פלעגן זיך ווינטשן: אונדזערע קינדער זאָלן זיין געראָטן אין אים. איגדאַל איז געווען אַ מענטש געבענטשט מיט אַלץ.

דער פארזיכערטער

אַ שלעכט האַרץ

אבער אַזוי ווי אַ שיינער עפּל, אין וועלכן אַ וואָרעם פאַרקלייבט זיך, קוקט אויס שיין פון דרויסן, אָבער אינעווייניק איז אַלץ צעפוילט, אַזוי איז געווען דער גביר איגדאַל. ער האָט געהאַט אַ שלעכט האַרץ. זיינע באַדינער האָט ער באַהאַנדלט ווי הינט, זיינע אַרבעטער ווי שקלאַפן, און קיינמאָל קיינעם ניט אַרויסגעהאָלפן מיט אַ גראָשן.

און אין שטאָט האָבן אַלע געוואוסט פון זיין שלעכט האַרץ, און מען איז צו אים קיינמאָל ניט געקומען בעטן אויף צדקה, אָדער אַ טובה פאַר עמעצן. פלעגט אַמאָל צו אים פאַרבלאָנדזשען אַ פרעמדער אָרעמאַן, האָט איגדאַל אים גאַנץ רואיק אויסגעהערט און דערנאָך געענטפערט:

— האַ, געלט ווילסטו? אַזוי? גוט, גיי עפן די קאַסע און נעם".

דער אָרעמאַן פלעגט נעמען שטאַמלען: „וואָס הייסט עפעס עפענען די קאַסע?"

פלעגט אים איגדאַל צופירן צו דער גרויסער פייער קאַסע, וואָס איז געווען שטענדיק פאַרשלאָסן, אַ קלאַפּ טאָן מיטן פויסט איבער די דיקע שטאָלענע טירן און שפּאָטן:

— עפן די טיר און נעם. פון דיינעט וועגן, שלעפער, האַלט איך דאָרטן מיין האָב און גוטס, פון דיינעט וועגן, שנאָרער, ליגט דאָרטן מיין גאָלד אָנגעגרייט. עפן, זאָג איך דיר, און נעם".

דער אָרעמאַן פלעגט אַנטלויפן ווי אַן אָפּגעבריטער. און אין שטאָט איז אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל אויף איינעם וואָס איז קאַרג: „גי עפן די קאַסע און נעם."

אַ שווערער ווינטער

דאָט געטראָפן אַמאָל אַז דער ווינטער איז געווען זייער אַ שווערער. פרעסט שטאַרקע, אַזעלכע וואָס אפילו די עלטסטע זקנים האָבן ניט געדענקט. זיינען אַ סך אָרעמע מענטשן קראַנק געוואָרן, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט מיט וואָס צו באַהייצן די הייזער.

שנייען זיינען געווען טיפע. די וועגן זיינען געווען שלעכט. האָט מען געבראַכט ווייניק שפייז אין שטאָט אַריין און אַלץ איז געוואָרן טייער. די אָרעמע מענטשן האָבן ניט געהאַט גענוג געלט אויף צו קויפן שפייז, האָבן זיי געהונגערט.

זיינען אַרומגעגאַנגען מחנות אָרעמעלייט, אָפּגעריסענע, דערפרוירענע, געזוכט ברויט און האָלץ. די שטאָט איז געוואָרן פול מיט עלנט.

זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די שענסטע באַלעבאַטים פון שטאָט מיטן רב אין דער שפיץ צו זען טאָן עפּעס פאַר די אומגליקלעכע. האָט יעדערער געגעבן וויפיל ער האָט געקאָנט. אַ סך האָבן געגעבן מער וויפיל זיי האָבן געקאָנט. אָבער עס איז געווען ווייניק.

זאָגט איינער — לאָמיר גיין צו איגדאַלן. אפשר אין אַזאַ צייט וועט ער אַרויסהעלפן.

זיי ניט קיין נאַר — האָט מען אים געענטפערט — אָט־די קאַסע קאָן מען ניט עפענען.

רופט זיך אָן דער רב און זאָגט:

— אין אַזאַ שלעכטער צייט דאַרפן מיר פאַרבייגן אונדזער כבוד און פּרובירן. ער וועט דאָך אונדז ניט אויפעסן.

זיינען עטלעכע באַלעבאַטים אינאיינעם מיט דעם רב געקומען צו איגדאַלן. זיי האָבן אים געטראָפן זיצן אויף אַ ווייכן פּליושענעם שטול. אויף אַ טישל לעבן אים זיינען געווען אָנגעשטעלט אַלערליי ווײַנען, פרוכטן און געבעקס. אין הויז איז

וואַרעם און ליכטיק. די דילן פּאָלירט. די ווענט באַצירט מיט טייערע בילדער. איגדאַל זיצט רואיק, עסט מאַראַנצן און טאָרט און קוקט אויס ווי די גאַנצע וועלט איז זיינע.

האָט אָנגעהויבן דער רב און געזאָגט:

— איגדאַל, מענטשן גייען אַרום אין אַזעלכע קעלטן נאַקעטע, הונגעריקע. דו האָסט אַלץ וואָס אַ מויל קאָן אַרויסריידן און אַ מוח צוטראַכטן. זע, העלף אַרויס דיינע אָרעמע ברידער.

צעקנאַקט איגדאַל רואיק אַ נוס, נעמט אַרויס די יאָדרע, צעקייט פאָרזיכטיק, פאַמעלעך, פאַרטרינקט מיט אַ ביסל וויין, און טוט אַ זאָג זיין אַלט ווערטל:

— נו, עפנט די קאַסע און נעמט אַלץ.

— דו שפּאָט ניט, — ברוגזט זיך דער רב. — מענטשן הונגערן. דו ביסט אויך אַ מענטש, קאָנסט נאָך אויך פאַרזוכן דעם טעם פון נויט. דו מיינסט אַז דו ביסט פאַרזיכערט פון אַלדאָס בייז?

— אַוואַדע בין איך פאַרזיכערט, — ענטפערט איגדאַל. — וואָס קאָן זיך דען מיט מיר טרעפן? מיינע מילן מאָלן, מיינע שיפן פירן סחורה פון איין עק וועלט צו דעם אַנדערן, מיינע וועלדער וואַקסן, מיינע אַרבעטער אַרבעטן פון מיינעטוועגן... וואָס האָב איך מורא? ווען מיינע שפּייכלערס אָפּברענען, האָב איך גענוג פאַבריקן. ווען מיינע פאַבריקן זיך אָפּשטעלן, האָב איך גענוג שיפן אויף די ימים. ווען מיינע שיפן אונטער־גיין, האָב איך גענוג געלט אין קאַסע.

— און וואָס וועסטו טאָן, איגדאַל, אַז אָט־די אַלע הונגעריקע און אָפּגעריסענע וועלן דיין פּאַלאַץ באַפאַלן און אַלץ אַוועק־נעמען?

— איך האָב גענוג סאָלדאַטן, וואָס וועלן אָט־די בעטלער ווי די הינט צעשיסן. און טאָמער גאָר שלעכט, האָב איך גרייט צוויי פייערדיגע פערד, און איך אַנטלויף אין אויסלאַנד. דאָרטן האָב איך אויך גענוג געלט באַהאַלטן.

— נו, טו ווי דו פֿאַרשטייסט, איגדאַל, — האָט דער רב געענטפֿערט. ווי עס ווייזט אויס ביסטו געבוירן געוואָרן מיט אַ שלעכט האַרץ און פֿאַרשטייסט נעבעך ניט די פֿרייד פֿון געבן, פֿון אַרויסהעלפֿן, געדענק אָבער וואָס איך זאָג דיר: קיינער איז ניט פֿאַרזיכערט פֿון צרות. עס קאָן אפֿילו טרעפֿן, אַז דו זאָלסט אויסגיין פֿון הונגער אין דיין אייגענעם פּרעכטיקן פּאַלאַץ. געדענק מיינע ווערטער.

האָט זיך איגדאַל צעלאַכט און גאָרניט געענטפֿערט. דער רב און די באַלעבאַטים זיינען אַרויס פֿאַרשעמטע.

דעם רבס ווערטער ווערן מקוים

דער שלעכטער ווינטער איז אַוועק. אַ סך מענטשן זיינען געשטאָרבן פֿון הונגער און קעלט. פֿיל זיינען געשטאָרבן פֿון קוילן פֿון דעם גבירס סאָלדאַטן, ווייל די מענטשן האָבן געהונגערט און געפּרווירן יענעם ווינטער, און האָבן זיך עטלעכע מאָל אַריינגעריסן אין די בעקערייען און קלייטן צו קריגן אַ שטיקל ברויט און וואַרעמע קליידער. דעם גבירס סאָלדאַטן האָבן צעשאָסן אַ סך מענטשן און צעטריבן די איבער־ריקע.

דער פֿרילינג איז געקומען. ס'איז געוואָרן וואַרעמער. זומער צייט איז געוואָרן מער שפּייז, האָבן די מענטשן זיך באַרואיקט.

אַלע האָבן געוויכט פֿון איגדאַלס פּאַלאַץ, און איגדאַל איז געווען צופֿרידן. ער האָט זיך געלאָזט וואוילגיין, געלאַכט פֿון גאָר דער וועלט און האָט אינגאַנצן פֿאַרגעסן דעם געשפּרעך וואָס ער האָט ווינטער געהאַט מיט דעם רב.

ס'איז געווען אַ שיינער וואַרעמער זומער טאָג. איגדאַל האָט אָפּגעגעסן אַ גוטן פֿרישטיק, זיך דורכגעשפּאַצירט אין זיין שיינעם גאָרטן. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לעבן זיין שרייב־

טיש איבערקוקן פּאַפּירן און אונטערשרייבן דאָקומענטן. אָפּגע־טאָן זיין אַרבעט, האָט זיך איגדאַל דערמאָנט, אַז ער האָט שוין לאַנג ניט איבערגעקוקט אַלע שופלאָדן אין זיין קאַסע. איז ער אַוועק אין צימער וואו די קאַסע געפינט זיך און האָט געעפנט די מאַסיווע אייזערנע טירן.

איגדאַלס קאַסע איז געווען זייער אַ גרויסע, האָט פאַרנומען כמעט דעם גאַנצן צימער. דער צימער איז געווען באַדעקט מיטן בעסטן שטאָל, און דאָרטן האָט עס איגדאַל געהאַלטן זיין גרייט געלט.

איגדאַל האָט אַלץ איבערגערעכנט און פאַרשריבן, כדי צו זען, צי עס שטימט מיט זיינע ביכער, און האָט שוין געוואָלט אַרויס פון דער קאַסע — ערשט די מאַסיווע אייזערנע טיר איז פאַרשלאָסן. איז ער געבליבן שטיין. וואָס טוט מען איצט? ער האָט געוואוסט, אַז די טיר קאָן מען פון אינעווייניק ניט עפענען. דאָך האָט ער געפּרואווט. אומזיסטע אַרבעט. ריר אַ באַרג.

האָט ער זיך צוגעזעצט אויפן דיל טראַכטן. טראַכט היינט, טראַכט מאָרגן, ער איז פאַרשפּאַרט ווי אַ מויז אין אַ פּאַסטקע. האָט ער געוואַרט אַ שעה, צוויי שעה. ער איז געוואָרן הונגעריק, האָט ער גענומען קלאַפּן, שרייען, אומשליידערן שופלאָדן: אפשר וועט אים עמעצער דערהערן, אָבער קיינער האָט ניט געהערט און קיינער האָט די טיר ניט געעפנט. זיין קול האָט ניט געקאָנט דורכברעכן די גראָבע אייזערנע ווענט.

האָט ער געשריען און געקלאַפּט ביז ער איז געוואָרן טויט־מיד און איז איינגעשלאָפן. איז ער אָפּגעשלאָפן אַ נאַכט און אַ טאָג, ביז דער הונגער האָט אים אויפגעוועקט.

האָט ער ווידער גענומען קלאַפּן און שרייען. געוואָרן מיד. איינגעשלאָפן. ווידער האָט אים דער הונגער אויפגעוועקט. האָט ער ווידער געקלאַפּט און געטומלט ביז ער איז ווידער איינגעשלאָפן.

אַזוי זיינען אַריבער זעקס טעג און פינף נעכט. איגדאַל איז אַזוי פאַרשלאָפט געוואָרן, אַז ער האָט זיך שוין ניט געקאָנט אויפהייבן פון דיל. איצט האָט ער זיך דערמאָנט אין דעם רבס ווערטער:

„קיינער איז ניט פאַרזיכערט פון צרות. עס קאָן אַפילו טרעפן, אַז דו זאָלסט אויסגיין פון הונגער אין דיין פאַלאַץ״.

דער רב איז געווען גערעכט, האָט איגדאַל געמורמלט, און געפאַלן אין חלשות.

שמערל נאַר ראַטעוועט איגדאַלן

און שמערל נאַר איז געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט. אַן אָרעמער אָפגעריסענער בעטלער. גייט ער פון הויז צו הויז און בעטלט און זינגט זיין לידל:

גוטע מענטשן, האָט רחמנות,
העלפט אַ קבצן אין זיין נויט.
שענקט אַן אביון אַ נדבה,
גיט אים כאָטש אַ שטיקל ברויט.

אַ שטיין קאָן צעגיין פון זיין געזאַנג.

קומט שמערל נאַר אָן אין דער שטאָט פון דעם גביר איגדאַל. קלאַפּט ער איבער די טירן און זינגט זיין לידל. דרייען זיך אַרום מענטשן אָפּלאַכער, ליידיקגייער און באַמערקן דעם אָרעמאַן מיט דעם נאַרישן פנים און ווילן זיך אַביסל לוסטיק מאַכן. זאָגן זיי צו שמערלען:

— ווילסט קריגן אַ פעטן ביסן, פרעמדער? גיי אַריבער צו איגדאַלס פאַלאַץ. דאָרטן נעמט מען אויף אָרעמעלייט מיט אָפענע אָרעמס און פאַרמאַכטע פויסטן.

— און וואו איז דעם גוטן מענטשן איגדאַלס פּאַלאַץ ? — פרעגט שמערל.

שמייכלען די ליידיקגייער : אַ יאָלאָפּ, פאַרשטייט ניט קיין שפּאַס. ווייזן זיי אים.

גייט שמערל נאַר, קומט אָן אין איגדאַלס פּאַלאַץ און זינגט זיין לידל. באַגעגענען אים די באַדינער און שמייכלען. זיי זיינען געווען גוט אויפגעלייגט, די באַדינער. איגדאַל איז מיט אַמאָל פאַרשוואונדן, ניט געלאָזן קיין אויפפּאַסער. קאָנען זיי זיך לאָזן וואוילגיין.

זאָגן זיי צו שמערל נאַר :

— ווילסט עפּעס אַ שיינע נדבה, געלט אַ סך ? גוט. מירן דיר געבן וויפיל דו ווילסט אַליין. עפן די קאַסע און נעם...

ווייסט ניט שמערל נאַר פון קיין חכמות און פרעגט :

— און וואו איז די קאַסע ?

געפעלט עס די באַדינער. אַ נאַרישער אָרעמאַן. האָט ניט געהערט איגדאַלס ווערטל. רופן זיי זיך אָן און זאָגן :

— די קאַסע ? קום, מיר וועלן דיר ווייזן.

גייט שמערל נאַר. קומט מען צום צימער פון דער קאַסע. ווייזט מען שמערל נאַר די צוויי אייזערנע טירן, און מען זאָגט :

— עפן.

עפנט שמערל נאַר די טירן. זעען אַלע ווי איגדאַל ליגט אַ פאַרכאַלעשטער אויפן דיל... איז געוואָרן אַ טומל, און מען האָט אים מיט גרויס מי אָפּגעמינטערט.

* * *

און איגדאַל איז פון דעמאָלט אָן געוואָרן אַן אַנדער מענטש. ער האָט אָנגעלאָדן שמערל נאַר מיט מתנות, האָט צעטיילט אַ האַלב פאַרמעגן אויף צדקה. האָט אויפגעגעבן זיינע געשעפטן און זיך אָפּגעגעבן נאָר מיט טאָן גוטס.

און שמערל נאַר טוט אַ קוק אין זיין טאָרבע און זעט אַז זי איז אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד. טראַכט ער: צייט גיין אַהיים. נעמט ער דעם שטעקן אין האַנט, די טאָרבע אויף דער פּלייצע און לאָזט זיך אין וועג אַריין.



שמערל נאַר קומט אַהיים

שלום שעפּסל

שלום שעפּסל איז געווען אַ קליינינקער, אַ דאַרינקער, מיט דריי האָרבן: איין האָרב אויף דער פּלייצע, נאָך אַ האָרב פון פאָרנט, און אַ דריט האָרבעלע אויף דער נאָז. ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ האָרבאַטער, דערציילט שלום שעפּסל אַזאַ מעשה:

עס איז געווען ווען גאָט האָט באַשאַפן אַלע מענטשן. זייער פיל קופּעס מיט ליים זיינען געלעגן אָנגעוואָרפן. ליים פאַר הענט, ליים פאַר פיס, ליים פאַר נעז און פאַר פינגער. שלום שעפּסל, ווען מען האָט אים באַשאַפן, האָט גענומען פון יעדער קופּע אַ ביסעלע ליים, געמאַכט אַ קייקעלע און עס געהאַלטן אין האַנט: ער וועט אויך מאַכן אַ קליין מענטשעלע, — האָט ער געטראַכט. ווען ער האָט זיך געלאָזט גיין מיט דעם ליים, האָט א מלאך באַמערקט, אַז שלום האַלט עפּעס אין האַנט, האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— העי, דו, וואָס באַהאַלטסטו דאָרט?

מאַכט זיך שלום שעפּסל ניט־הערנדיק, ניט אים מיינט מען עס.

ווערט דער מלאך אין כעס, כאַפּט אַ שטיק ליים, און באַץ! אַ קנאַק אים אין פּלייצע, און גיט צו מיט אַ געשריי:

— טאַקע דיך מיינט מען עס.

מאַכט זיך שלום שעפּסל טאַמעוואַטע, קוקט זיך אום און זאָגט מיט אַן אומשולדיק מינעלע:

— פאַרוואָס קומט עס מיר?

ענטפערט דער מלאך:

— אַזוי? דו ביסט גאָט די נשמה שולדיק! לאָמיר זען וואָס דו האָסט באַהאַלטן אין הויפן.

זעט שוין שלום שעפסל אַז ער איז אַריינגעפאַלן, טוט ער אַ כאַפּ דאָס שטיקל ליים און אַ קלעפּ צו צו דער נאָז. צעלאַכט זיך דער מלאך, טוט אַ כאַפּ נאָך אַ שטיקל ליים, גיט אים אַ וואָרף אין האַרצן, און זאָגט: „איצט גיי״!

— מען קאָן דאָך קיין חזיר ניט זיין, — פאַרענדיקט שלום שעפסל, — גיי איך מיר אַוועק מיט אַלע דריי האָרבן.

— סאיז טאַקע אַן אמת? — פרעגן אים די קינדער.

— אמת, ווי אַלע מעשׂות זיינען אמת, — ענטפערט שלום שעפסל.

די מעשׂה מיטן עפּל

שלום שעפסל פלעגט זיצן ביי זיך אין גאָרטן אויף אַ באַנק אונטער אַן עפּלבוים, קייען אַן עפּל און דערציילן וואונדער:

— אָנהייב זומער זע איך ווי איין עפּל אויף דעם בוים איז עפּעס גרעסער ווי אַלע אַנדערע. נו, גרעסער איז גרעסער, טראַכט איך, ווייטער אַ דאגה! איך זע אָבער אַז דער עפּל וואַקסט עפּעס גאָר אַזוי און אַזוי, ווערט גרעסער פון טאָג צו טאָג. נעם איך און שפּאַר אונטער דעם צווייג מיט אַ שטעקן. אין אַ פּאָר טעג אַרום, דער צווייג בויגט זיך ווידער, שפּאַר איך אים אונטער מיט נאָך אַ שטעקן. קורץ, אַזוי גרויס און אַזוי ברייט, דער עפּל איז אויסגעוואָקסן ביז ער האָט דערגרייכט טאַקע ביז צו דער ערד. האָב איך פאַרשפּרייט אונטערן עפּל אַ ליילעך, כדי ער זאָל ניט אָנהויבן פוילן, און געוואַרט וואָס וועט ווייטער זיין.

— איז דער עפּל געוואַקסן און געוואַקסן ביז ער איז גע־

וואָרן אַזוי גרויס ווי אַ הויז. האָב איך אים צעהאַקט מיט אַ האַק אויף שטיקער, איינגעזייערט, און האָב געהאַט עפּל אויף אַ גאַנץ יאָר, און עפּל־קוואס האָב איך נאָך ביז היינט. איר זעט דאָס אָרט אונטערן בוים וואו עס וואַקסט ניט קיין גראָז? דאָרט איז עס דער עפּל געלעגן און ניט דערלאָזט אַז עס זאָל דאָרט עפּעס וואַקסן.

האָבן עטלעכע קינדער געפרעגט: „איז עס אמת, שלום שעפסל?"

האָבן אַנדערע קינדער געענטפערט:

— ס'איז אמת, אמת, אמת,
ווי לאָקשן מאַכט מען פון רייז.
— ס'איז אמת, אמת, אמת,
ווי ווינטער באַקט מען אייז.

לאַכט שלום שעפסל און זאָגט: אויב איר גלויבט מיר ניט, טאָ לאָמיר אַדרבא זען סאַראַ קנאַקערס איר זענט — זאָגט מיר נאָך שנעל דריי מאָל:

פיר פורן פאָרן
פירן קאָרן
באַרג אַרויף
באַרג אַראָפּ.

פּרוּוון די קינדער און קאָנען ניט: זיי פאַרפּלאָנטערן זיך און צעמישן — פירן פאָרן, קאָרן פורן.

לאַכט שלום שעפסל און זאָגט ווידער:

— זאָגט זשע אַ גרינגערע זאַך — פערצן ווערטער מיט פערצן מעמען ביים אָנהויב וואָרט אַזוי:

— מיין מומע מרים מינדל מיט מיין מומע מייטל מינע מאַכן מיר מיטאָג מילכיקע מייערן —

הייבן די קינדער אָן צו לאַכן, און שלום שעפסל זאָגט:

דערפֿאַר זאָלט איר טאַקע וויסן אַז שלום שעפּסל דערציילט נאָר אמתע מעשׂות.

ענטפֿערן די קינדער:

— ס'איז אמת, ווי עס איז אמת, אַז אַ בלינדער האָט געזען ווי אַ הינקעדיקער איז געלאָפֿן און אַ שטומער האָט געשריען: „געוואַלד, ראַטעוועט!"

און די קינדער ענדיקן מיט אַ געזאַנג:

זומער זיינען די דעכער ווייס געוואָרן,
ס'האָט זיי באַדעקט אַ פּוכקער ווייסער שניי.
אַ קו איז געפֿלויגן איבערן דאַך
און האָט געלייגט אַ רויט־גרין איי.

אַזוי פֿלעגן די קינדער שפּאַסן מיט שלום שעפּסלען, און שלום שעפּסל איז אַזוי באַוואוסט געוואָרן מיט זיינע גוזמאס, אַז ווען איינער פֿלעגט עפּעס איבערטרייבן, פֿלעגט מען גלייך אַ זאָג טאָן: „נו, ער האָט זיך שוין צעשלום־שעפּסלט".

שלום שעפּסל קומט מיט אַ נייעס פֿון שטאָט

פֿאָרט איינמאָל שלום שעפּסל אַוועק מיט אַ וואָגן עפּל אין דער גרויסער שטאָט אַריין, קומט צוריק און דערציילט אַ נייעם וואונדער:

— איר'ט געהערט אַזוינס? שמערל נאָר, אונדזער שמערל נאָר, איז דאָך באַוואוסט מיט זיין חכמה איבער גאָר דער וועלט! ביים פּרינץ האָט מען באַגנבעט זיין שאַצקאַמער, און שמערל נאָר האָט געכאַפּט די גנבים. איינער אַ משרת האָט געוואָלט באַרויבן אַ רייכן סוחר, האָט שמערל נאָר מיט זיין גרויס קלוג־שאַפֿט באַלד אויסגעפֿונען דעם שווינדל.

האָבן אַלע געלאַכט און געזונגען:

ס'איז אמת, אמת, אמת,
וואָס דו טוסט דאָ זאָגן,
ווי דו האָסט פון איין עפּל
אַ ים מיט קוואַס געקראָגן.

און מאָדנע! אַלעמאָל פלעגט שלום שעפּסל מיטלאַכן, ווען מ'האָט אים געכאַפּט ביי אַ ליגן, אָבער דאָס מאָל האָט ער זיך געשפּאַרט און געשוואוירן, אַז די מעשה מיט שמערל נאַר איז טאַקע אמת.

האָבן מענטשן זיך געוואונדערט און געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

איינמאָל האָט געטראָפן, אַז אַ רעדל מענטשן איז זיך צונויפגעקומען אין מיטן מאַרק, און שלום שעפּסל איז געשטאַנען אין דערמיט און געקוויטשעט מיט אַ דין קולכל:

— איך זאָג אייך אַז הײַנטיקס מאָל דערצייל איך אַן אמת. איר ווייסט דאָך אַז איך שעם זיך ניט מיט קיין גוזמאס, אָבער דאָס מאָל דערצייל איך פּאָרט אַן אמת!

איז ווי שלום שעפּסל האָט אַזוי געטענהט, האָט זיך דערהערט אַ קלינגען פון גלעקלעך, און באַלד האָבן אַלע דערזען: אַ פאַיעטאָן מיט פיר פערד! און ווער, מיינט איר, איז געזעסן אין פאַיעטאָן?

שמערל נאַר, אָנגעטאָן ווי אַ פירשט!

שמערל נאַר איז גלייך פאַרפאָרן צו זיינע עלטערנס הויז. זיינע טאַטע־מאַמע האָבן געמאַכט אַ גרויסע סעודה, געשטעלט לעקעך־און־בראָנפן און שלום שעפּסל האָט געגעסן און געטרונקען מער פון אַלעמען און געזונגען:

ש מ ע ר ל נ אַ ר

ס'איז אמת, אמת, אמת,
ווי אַלע מעשות זיינען ניט קיין ליגן,
ס'איז אמת, אמת, אמת,
ווי אַ העלפאַנט האָבן אויפגעגעסן צוויי פליגן.

און שמערל נאַר איז געבליבן אין שטעטל. ער האָט געקראָגן אַ כלה, און געלעבט גליקלעך, אָבער ניט לאַנג...

שמערל נאַר פאַרן קייסערלעכן סענאַט

שמערל נאַר אין דער היים

שמערל נאַר האָט חתונה געהאַט. געקויפט אַ הויז, געהאַט קינדער: דריי יינגלעך און צוויי מיידלעך, און געוואָלט זיין ווי אַלע מענטשן אַרום אים, און ניט געקאָנט. ס'איז געווען אַזוי:

שמערל נאַר איז אָנגעקומען אין שטעטל מיט אַ פאַראַד און אַ טומל. זיינע חברים האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן — לאַכן פון דער וועלט, אָדער באַוואונדערן שמערלען. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, האָט מען אָבער אָנגעהויבען דרך־ארץ האָבן פאַר שמערלען. אַ מענטש שווייגט שטענדיק! גייט תמיד אָנגעטאָן זויבער, ציכטיק און... שווייגט.

האָט מען אים באַגעגנט, האָט זיך ניט־ווילנדיק אַרויסגעכאַפּט אַ „גוט מאָרגן". אָבער באַגריסנדיק אים, האָט מען זיך געפילט נאַריש: באַגריסט שמערל נאַר.

פלעגט שמערל נאַר אַרומגיין און טראַכטן: פאַרוואָס קאָן איך ניט זיין ווי אַלע מענטשן אַרום מיר? אָט וואָלט ער געוואָלט דאַווענען הויך אויפן קול, קאָן ער ניט. — האָט זיך קיינמאָל ניט אויסגעלערנט זאָגן גוט עברי, רוקט שמערל אָן ביים דאַווענען דעם טלית איבערן קאָפּ, און וויינט אין זיך. הערן מענטשן זיין ברומען און זיי לאַכן. הערט שמערל ווי מען לאַכט פון אים, ווערט ער טרויעריקער און שווייגנדיקער.

קומט שמערל נאַר צום רב און באַקלאָגט זיך:

— רבי, וואָס וויל מען פון מיר? איך וויל דאַווענען אָבער איך קאָן ניט. וואָס לאַכט מען פון מיר?

זעט דער רב — אַ שטומע נשמה נעבעך, עצהט ער אים:

— דאַוון אַליין, פאַר זיך

פאָלגט שמערל.

און שמערלס הויז איז הינטער דער שטאָט, לעבן וואַלד, טוט אָן שמערל טלית און תפילין, שפּאַצירט אַרום לעבן הויז, פאַרקריכט אין וואַלד. דאַוונט.

קריגט מען אין שטעטל מער דרך־ארץ פאַר שמערלען: אַ מענטש גייט אַרום אין וואַלד, איינגעוויקלט אין טלית און תפילין — עפּעס שטעקט אין דעם.

גייט שמערל נאַר אַרום אין וואַלד און טענהט זיך אויס מיט גאָט:

גאָט מיינער, הארציקער פאָטער, פאַרוואָס קאָן איך ניט זיין גלייך מיט אַלע מענטשן — ריידן אַ סך, לאַכן, זיין מיט אַלעמען גוט־ברודער, פאַרוואָס?

„און פאַרוואָס טאַקע קוקן מענטשן אַזוי מאָדנע אויף מיר? וואָס איז געשען ביים פּריץ, און פאַרוואָס האָט ער מיר געגעבן אַ זעקעלע ברילּיאַנטן? און וואָס האָב איך דאָ אויפגעטאָן ביים רב אין הויז מיטן סוחר? און וואָס איז פאַרגעקומען ביי איצ־דאַלן? ביי וועמען זאָל איך פרעגן? ווער קאָן מיר געבן אַן ענטפער?"

שמערל וויל ביי עמעצן פרעגן, אָבער ער האָט מורא. מען וועט געוויס לאַכן פון אים. ער וואָלט אפשר געפרעגט ביי זיין פרוי, ווייסט ער ניט ווי אַזוי. שווייגט ער און שווייגט... און שפּאַצירט גאַנצע טעג און נעכט אַרום אין וואַלד אַן אומעטיקער, אַ דערשלאָגענער.

גראַף האָרוואַט

אין יענעם שטעטל האָט געוואוינט אַ פּריץ מיטן נאָמען האָרוואַט. האָרוואַט איז געווען רייך און מעכטיק. גע־וואוינט אַ גאַנצן ווינטער אין דער הויפּטשטאָט, און אויפן זומער פלעגט ער קומען אויף זיין גוט אין שטעטל אין זיין זומער־פּאַלאַץ.



איז דער דאָזיקער פריץ געווען אַ גרויסער באַרימער, און האָט ליב געהאַט אַלץ צו איבערטרייבן. איבערהויפּט פלעגט ער זיך באַרימען מיט זיינע פערד. אמת, פערד האָט ער געהאַט גוטע, אַראַבישע, די איינציקע אין גאַנצן לאַנד. זיינע איבער־טרייבונגען זיינען אָבער געווען נאָך שענערע. פלעגט ער, למשל, דערציילן אַזעלכע מעשות:

„איינמאָל, ווינטערצייט, איז ער געפאָרן מיט זיינע פערד אין דער הויפּטשטאָט, האָט ער איבערגעיאָגט די באַן און איז אָנגעקומען מיט צוויי שעה פריער אין שטאָט אַריין".

גלויבט מען אים, וואָס דען?

אַ צווייטן מאָל, דערציילט ער, האָט ער זיך געוועט מיט נאָך אַ גראַף, וואָס זיינע פערד קאָנען לויפן שנעלער און לענגער. זיינען דעם גראַפס פערד געלאָפן צוויי מעת־לעת אָן עסן און טרינקען, אָבער זיינע פערד זיינען געלאָפן אַכט מעת־לעתן נאָכאַנאַנד. ער האָט זיי אָפּגעשטעלט, באַרימט ער זיך, בלויז דערפאַר ווייל עס איז אויסגעגאַנגען שפּייז פאַר אים אַליין. אַ ניט, וואָלטן די פערד געקאָנט לויפן נאָך אַכט טעג און נעכט.

אוודאי אַן אמת.

זיין באַליבטע באַרימעריי איז געווען, אַז זיינע פערד האָבן קיינמאָל ניט קיין מורא פאַר קיין וועלף. פאַרקערט, וועלף ציטערן פאַר זיי. איינמאָל אין אַ ווינטער, דערציילט ער, האָבן זיינע באַדינער פאַרגעסן צוצושליסען די שטאַלן, און זיינע צוויי שוואַרצע אַראַבישע פערד זיינען אַרויסגעגאַנגען אין וואַלד אַריין. זיינען וועלף באַפאַלן די פערד. וועלף, גאַנצע טשאַטעס! האָבן די פערד אויסגעהרגעט צוועלף וועלף, די איבעריקע זיינען זיך צעלאָפן. יעדער קאָן זען די פעל פון די וועלף ביי אים אין פּאַלאַץ, זאָגט ער.

נו, ווי גלויבט מען ניט אַזאַ זאַך?

האָבן די יידן פון שטעטל געהאַט אויף איינעם, וואָס טרייבט איבער, אַזאַ ווערטל:

„וואו זיינען מיינע פערד ?
אין וועלדל, שלאָגן זיך מיט וועלף.״

דער פריץ האָט ניט געוואוסט פון דעם ווערטל. פאַר אים אין די אויגן פלעגט זיך יעדער בייגן אין דרייען און אים חנפענען.

האָט שמערל געהערט דאָס דאָזיקע ווערטל, און האָט ניט געוואוסט וואָס דאָס מיינט. עס איז אים אָבער געפעלן געוואָרן, און ער האָט זיך עס אויסגעלערנט:

„וואו זיינען מיינע פערד ?
אין וועלדל, שלאָגן זיך מיט וועלף.״

דער צופאַל מיט האַרוואַטס פערד

גייט אַזוי שמערל נאַר אַרום אין וואַלד און דאַוונט. ער איז אָנגעטאָן אין טלית, איז פאַרטראַכט, אָבער ווען־ניט־ווען רעדט ער צו זיך אַ וואָרט. ער שטעלט זיך אָפּ לעבן אַ בוים און לייגט ווידער אָוועק זיינע אַלטע טענהס פאַר גאָט. טענהט ער צו זיך פאַמעלעך, רעדט אַרויס יעדער וואָרט באַזונדער: שווער איז אים צו רעדן אפילו צו זיך אַליין.

ווי ער איז אַזוי פאַרטיפט, הערט ער, אַז אַ רייטער דערנעענטערט זיך, און פאָרט טאַקע גלייך צו אים. שטעלט זיך דער רייטער אָפּ און פרעגט:

— הייליקער מאַן, ווייסטו וואו עס זיינען מיינע פערד ?

ווייסט שמערל, אַז אויף דער פראַגע איז נאָר דאָ איין ענטפער. ענטפערט ער: „אין וועלדל, שלאָגן זיך מיט וועלף״.

גיט דער רייטער אַ קלאַפּ מיט די שפּאָרן, און אַוועק. ער קומט אין וועלדל, און זעט ווי זיינע פערד שטייען פאַרסאָפּעטע, און אַרום זיי טריט פון וועלף. שיסט ער אויס אין דער לופטן — דערשרעקן זיך די וועלף. פאַרנעמט ער זיינע פערד אַהיים.

דער דאָזיקער רייטער איז געווען דער פּריץ דער באַ־רימער. אויף מאָרגן קומט ער אין שטעטל און פרעגט: „וואו וואוינט ערגעץ דער הייליקער מאַן, וואָס דאַוונט אין וואַלד?"

ווינקען זיך די אידן איבער: עפּעס אַ נייע מעשה מיט שמערל נאַר. ווייזט מען דעם גראַף שמערלס וואוינונג, און עס געפינען זיך מענטשן, וואָס דערציילן דעם פּריץ די גאַנצע געשיכטע פון שמערל נאַר.

קומט דער פּריץ צו שמערל נאַר און רופט זיך אָן:

— הייליקער מאַן, דו האָסט געראַטעוועט מיינע טייערע אַראַבישע פערד, די פערד, וואָס איך האָב געקראָגן אַ געשאַנק פון קעניג. איך האָב דיר דערפאַר געבראַכט אַ מתנה.

נעמט שמערל נאַר צו די מתנה און שווייגט.

רופט זיך ווייטער אָן דער פּריץ:

— געטלעכער מאַן, איך האָב געהערט די וואונדער, וואָס דו האָסט געוויזן, איך וויל דיך בעטן, דו זאָלסט זיך אַריבער־קלייבן מיט דיין פאַמיליע צו מיר אין הויף און זיין מיין וואונדער־מאַן, מיין שטערן־זעער.

שרעקט זיך שמערל נאַר, און שווייגט.

רופט זיך ווייטער אָן דער גראַף:

— מיר וועלן דיר דערלאַנגען דאָס שענסטע און דאָס בעסטע. איך וועל פאַר דיר באַשטעלן באַדינער. דיין וואָרט וועט זיין געזעץ אין הויף. זיי אָבער מיין הייליקער, מיין העלפער, מיין וועג־ווייזער.

— איך קאָן ניט, ברומט אַרויס שמערל נאַר.

רעדט ווייטער דער פּריץ:

— מיר נויטיקן זיך אין דיר. מיר דאַרפן דיך האָבן. די וועלט דאַרף דיך. קום צו אונדז, און זיי אונדזער וועג־ווייזער.

— איך קאָן ניט, — ברומט אַרויס שמערל נאַר אַ טרויע־ריקער.

פאַרלירט שוין גראַף האָרוואַט זיין געדולד, און ער טוט אַ דונער:

— איך, גראַף האָרוואַט, רעד. מיין וואָרט איז געזעץ. זאָלסט זיך מאָרגן אַריבערקלייבן אין הויף און ווערן מיין וועג־ווייזער. וועסטו ניט קומען אין הויף ווערן מיין הייליקער, וועל איך דיך ברענען מיט אייזערנע פרענטעס, און צווינגען דיך צו דעם.

אָפּגעזאָגט און פאַרשוואונדן.

לויפט שמערל נאַר צום רב און רעדט אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— רבי, וואָס ווילן זיי פון מיר? אַלע זאָגן:

— וואו זיינען מיינע פערד?

אין וועלדל, שלאָגן זיך מיט וועלף!

איך האָב עס נאָר איין מאָל געזאָגט, וויל מען מיך מיט אייזערנע פרענטעס ברענען, איך זאָל זיין אַ הייליקער.

— ס'איז דיר אַזוי באַשערט.

— איך בין דאָך שמערל נאַר, רבי, קאָן אפילו קיין עברי ניט. וואָס וויל מען פון מיר?

— ס'איז דיין מזל, פאָלג.

שווייגט שמערל נאַר און קלייבט זיך אַריבער צום גראַף אין פאַלאַץ.

אין גראַפס פאַלאַץ

ייצט שמערל ביים פריץ אין הויף, האָט פון שענסטן און בעסטן, און פילט זיך ווי אַ געפאַנגענער. ער שרעקט זיך: אַט וועט מען פון אים עפּעס פאַרלאַנגען און ער וועט ניט קאָנען נאָכקומען.

עס זיינען אָבער אַריבער חדשים און מען האָט אים ניט גערופן און מען האָט אים גאָרניט געפרעגט. טראַכט שמערל:

ס׳איז גוט אַזוי, אָבער צו וואָס דאַרף ער עס אַלץ האָבן ? ער וועט זיך גאָר אַרויסגנבענען און וועט ווידער אַוועק איבער דער וועלט. ער וועט ווידער גיין פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד. קיינער וועט אים ניט קענען, קיינער וועט פון אים גאָרניט מאָנען. ער וועט צוריק זיין שמערל נאַר, דער בעטלער ווי געווען.

קלייבט זיך און קלייבט זיך שמערל נאַר און קאָן זיך ניט אָפּרייסן : קינדער, אַ הויז, צוגעבונדן געוואָרן. איז שמערל געוואָרן נאָך שווייגנדיקער, געגאַנגען אָפּטער אין וואַלד אַריין, און אָפּגעלייגט זיין פּלאַן אויף מאָרגן, מאָרגן.

דערווייל האָט אין הויף געטראָפן אַן אומגליק : די גרעפין האָט פאַרלוירן אַ רינגל. דאָס רינגל איז געווען אַ געשאַנק פון קעניג. די פריצטע וועט זיך ניט קאָנען ווייזן פאַר די מיניס־טאָרן און די הויפדאַמען אָן דעם קעניגס געשאַנק. קומט דער פריץ צולויפן צו שמערל נאַר און זאָגט זיך אָפּ קורץ און שאַרף :

— מען האָט ביי מיין פרוי געגנבעט אַ רינגל, אַ געשאַנק פון קעניג. איך גיב דיר דריי טעג צייט אויף צו געפינען דאָס פינגערל.

אָפּגעזאָגט און אַוועק.

זעט שמערל נאַר ווי דער רייטער פאַרשווינדט, זיפצט ער און שווייגט. ביינאַכט לויפט שמערל צום רב. דערציילט אַלץ וואָס עס האָט געטראָפן, און פרעגט טרויעריק : „רבי, פאַרוואָס קומט עס מיר ?"

— ווער ווייסט, — ענטפערט דער רב, — ס׳איז דיין מזל.

— אָבער וואָס זאָל איך טאָן, רבי ?

— טו וואָס יידן טוען ווען זיי זיינען אין אַ צרה : פאַסט און בעט גאָט.

האָט שמערל נאַר געפאָלגט.

ש מ ע ר ל נ אַ ר פ אַ ר ן ק י י ס ע ר ל ע כ ן ס ע נ אַ ט

רעשעס

בּיים גראַף אין הויף איז געווען אַ באַדינער מיטן נאָמען רעשעס. אַ הויכער לאַנגער מאַן מיט שפּיציקע אויגן און לאַנגע וואָנצעס. ער איז געווען אַ בייזער, אַ שלעכ־טער. פאַר יעדער קלייניקייט פלעגט ער זיך וואַרפן שלאָגן. און איבערהויפּט האָט ער פיינט געהאַט קינדער.

און שמערל נאַר האָט געהאַט אַ ייִנגל מיטן נאָמען יאַנקל. אַ ייִנגל אַ שטיפער, אַ ברען. ער פלעגט ליב האָבן צו קלעטערן אויף פלויטן און ביימער.

אויפן צווייטן טאָג פון שמערלס פּאָסטן, כאַפּט רעשעס יאַנקלען ווי ער קלעטערט אויף אַ באַרנבוים. האָט אים רעשעס אַ פּאַק געטאָן, און גוט אָנגעריסן די אויערן. צעווייַנט זיך יאַנקל און אַנטלויפט. לויפנדיק, שטעלט ער רעשעסן אַרויס אַ צונג און זאָגט:

— וואַרט, וואַרט, מיין טאַטע וועט זיך מיט דיר אָפּ־רעכענען!

רעשעס איז בלייך געוואָרן. ביינאַכט איז ער אַריין צו שמערלען אין הויז. שמערל איז געזעסן איינגעוויקלט אין טלית, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט און געשוויגן. פאַלט רעשעס שמערלען צו די פיס און בעט:

— הייליקער מאַן, געטלעכער מאַן, איך ווייס אַז דו ווייסט, אַז איך האָב דאָס רינגל. דו ווייסט דאָך אָבער, אַז איך האָב עס ניט געגנבעט. איך האָב עס געפונען. עס איז מיר שווער צו לעבן. עס פעלט אין הויז ברויט, קליידער, האָלץ אויף צו הייצן דעם אויוון. האָב איך געטראַכט, דער פריץ האָט גענוג, לאָמיך נעמען אַ ביסל. האָב איך גענומען אַ רינגל און עס באַהאַלטן אין שייער אונטערן דאַך. ראַטעווע, גיב ניט אַרויס.

— גוט, — ענטפערט שמערל נאַר. — גיי אַהיים, זיי רואיק, איך וועל ניט דערציילן.

אויפן דריטן טאָג קומט דער גראַף צו שמערל נאַר:
— וואו איז דאָס רינגל? — פרעגט ער.
ענטפערט שמערל נאַר: „אין שייער אונטערן דאַך".
שיקט דער פריץ אַוועק אַ שטאַפעט. קומט דער שטאַפעט באַלד צוריק מיטן רינגל.
פרעגט דער פריץ: „ווער האָט דאָס רינגל געגנבעט?"
ענטפערט שמערל נאַר: „דאָס טאָר מען ניט".
— איך באַפעל!
— מען טאָר ניט. אַ מענטש איז אָרעם, ווערט ער געשטרויכלט. אַ מענטש איז הייליק.
— ווער האָט עס געזאָגט?
— ער, — ענטפערט שמערל נאַר.
— נו, אַז גאָט האָט געזאָגט, מוז מען פאָלגן, — זאָגט דער פריץ. און דיך וועל איך באַלוינען, ווי עס פאַסט פאַר אַ האַרוואַט.

דער גאָלדענער פויגל אין אייזערנעם שטייגל

איז אַוועק דער זומער. דער ווינטער איז געקומען, און דער גראַף איז אַוועק אין דער הויפּטשטאָט... אין קייסערלעכן הויף האָט זיך דעמאָלט געטומלט מיט אַ גאָלדענעם פויגל.

ס'איז געווען אַזאַ מעשה.

דער קעניג האָט געקראָגן אַ מתנה פון אַ יאַפּאַנישן פּרינץ אַ פויגל מיט גאָלדענע פעדערן. ס'איז געווען אַ זעלטענער פויגל. נאָך איינעם אַזאַ האָט מען ניט געקאָנט קריגן. האָט דער קעניג אַריינגעזעצט דעם פויגל אין אַ גאָלדענעם שטייגל, אָבער עס איז אַריבער אַ חודש און דער פויגל איז פאַרשוואונדן פון שטייגל. מען האָט דעם פויגל געפונען ביים קעניג אין גאָרטן אויף אַ בוים, און מען האָט אים ווידער אַריינגעזעצט אין שטייגל. עס איז אַריבער אַ וואָך, און

דער פויגל איז ווידער פאַרשוואונדן. קוים מיט צרות האָט מען אים געכאַפּט. דאָס מאָל האָט מען אים שוין אַריינגעזעצט אין אַן אייזערנעם שטייגל און אַוועקגעשטעלט אַ סאָלדאַט אויף דער וואַך.

האָבן זיך אַלע געוואונדערט ווי אַזוי דער פויגל האָט געקאָנט פאַרשווינדן. און ווען האָרוואַט איז אָנגעקומען צום קעניג אין פּאַלאַץ, האָט מען אַלץ גערעדט וועגן דעם וואונדער־לעכן צופאַל.

הערט דער גראַף די מעשה און ער זאָגט:

— איך האָב אַ הייליקן אין מיין זומער־הויז, זיינען פאַר אים קיין סודות ניטאָ. ער קאָן אַלץ אויסגעפינען.

לאַכט מען פון דעם פריץ.

דערציילט דער פריץ אַלע וואונדער פון שמערל נאַר. אַז די מיניסטאָרן האָבן דאָס דערהערט, איז געבליבן מען זאָל שיקן רופן שמערל נאַר.

קומט אָן אַ שטאַפעט פון קעניגלעכן הויף, אַז שמערל נאַר ווערט אויפגעפאָדערט צו דערשיינען פאַרן קעניג.

גנבעט זיך שמערל נאַר אַריבער צום רב, און טענהט ווייטער:

— רבי, רבי, וואָס וויל מען פון מיר? איך בין אַ פּראָס־טער ייד, קאָן אפילו ניט דאַווענען. וואָס וויל מען פון מיר?

— דאָס איז דיין גורל, — ענטפערט דער רב.

— אָבער וואָס ווילן זיי פון מיר?

— ווער ווייסט.

— ווי אַזוי וועל איך אַלץ קאָנען טרעפן? וואָס איז, איך בין אַ כישופמאַכער?!

טראַכט דער רב אַ ווײַלע און ענטפערט: — דער בעסטער וועג איז דער אמת. דערצייל זיי, ווער דו ביסט. דערצייל דעם אמת.

— זיי וועלן מיר ניט גלויבן, רבי.

— טאָ דערצייל זיי מיט אַ משל. זיי זיינען דאָך דאָרטן קלוגע לייט, וועלן זיי פאַרשטיין. דערצייל זיי אָט אַזוי: — — —
און דער רב האָט שמערלען אויסגעלערנט אַ משל.

שמערל נאַר פאַרן קייסערלעכן סענאַט

קומט שמערל נאַר צופאָרן אין דער הויפּטשטאָט. טוט מען אים איבער אין קעניגלעכע קליידער, און פּופּציק סאָלדאַטן באַגלייטן אים צום סענאַט. גייט שמערל אַריין אין זאַל, און ווי ער טרעט נאַר אַריבער די שוועל, הייבט ער גלייך אָן מיט אַ משל וועגן זיך און זיין נביאות אין גראַפס שלאָס:

„צוויי מאָל איז דעם פויגל געלונגען, ווייל דאָס שטייגל איז געווען שוואַך, און ניט באַוואַכט. אַ דריט מאָל וועט עס אָבער ניט געלונגען, ווייל די שטייג איז שטאַרק און באַוואַכט".

זיינען די מיניסטאָרן געפּלעפט געוואָרן.

פרעגט איינער: „און וואָס ווייטער?"

ענטפערט שמערל נאַאיוו: „מער גאָרניט".

— מער גאָרניט? — פרעגט מען איבער.

— גאָרניט, — ענטפערט שמערל.

זיינען די מיניסטאָרן געבליבן ווי פאַרגליווערטע. מען טאָר מער ניט פרעגן.

שמערל נאַר האָט זיך אַרויסגעשלייכט פון פּאַלאַץ, האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קעניגלעכע קליידער, אָנגעטאָן זיינע בעטלער שמאַטעס, און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ברייטער, ווייטער וועלט אַריין און אָנגעהויבן ווייזן גרעסערע וואונדער.

קיינער ווייסט ניט אַליין

שמערל נאַר לערנט זיך אויס לייענען אידיש

שמערל נאַר איז אַרויס פון קעניגס פּאַלאַץ און האָט זיך געלאָזט אין דער ווייטער וועלט אַריין. ער האָט גע־פילט ווי אַ יאָך איז אים אַראָפּ פון די פּלייצעס — ניטאָ מער קיין פריץ, ניטאָ מער קיין שרעק. קיינער ווייסט אים ניט און קיינער קען אים ניט. אַליין. פאַר זיך. ס'איז גוט.

אָפט האָט שמערל נאַר געטראַכט פון זיין פרוי און קינדער. געבענקט נאָך זיי. געוואָלט זיך אומקערן. האָט ער זיך אָבער דערמאָנט, אַז מען וועט אים אויפנעמען מיט פּאַראַד און כבוד. מען וועט אים ווידער מאַכן פאַר אַ הייליקן, האַלטן פאַר אַ וואונדער־ווייזער, — האָט ער באַהאַלטן די בענקעניש נאָך זיין פאַמיליע טיף אין האַרצן און געשוויגן.

ער האָט געשוויגן און געחלומט. געחלומט בייטאָג און ביינאַכט. מאָדנע פּלאָנטערדיקע חלומות פלעגט ער חלומען. און ער האָט ניט געוואוסט וועמען צו פרעגן.

האָט ער געטראַכט: אַלץ מוז דאָך זיין פאַרשריבן אין ספרים, אין ביכער. ווען ער, שמערל זאָל קאָנען לייענען! פּרוּווט ער. דאַוועגען קאָן ער אַביסל. דאַוונט ער און דאַוונט און פאַרשטייט ניט קיין וואָרט.

איינמאָל איז שמערלען אַריינגעפאַלן אַ ספר וואו אונטן איז געווען עברי־טייטש. אויבן לשון־קודש און אונטן יידיש. לייענט שמערל נאַר וואָרט נאָך וואָרט, יעדן אות באַ־זונדער, און וואונדער — ער ווייסט וואָס ער לייענט.

איז אים אַ גרויסע פרייד באַפאַלן. מען קאָן מיט עמעצן

ריידן, און עס זאָל דאָך קיינער ניט זיין דערביי. מען קאָן זיך דאָס האַרץ אויסריידן. אַזעלכע שיינע זאַכן שטייען דאָרט אין די ספרים. האָט ער זיך ביסלעכווייז אויסגעלערנט עברי־טייטש.

און אַז ער האָט זיך אויסגעלערנט לייענען יידיש, האָט ער ליב געהאַט לייענען העברעאישע פסוקים און זען זייער טייטש. און וואָס מער ער האָט געלערנט, אַלץ מער האָט ער ליב געהאַט אַריינצוקוקן אין ספרים. האָבן זיך ביי אים אויסגעמישט דריי זאַכן: חלומות ביינאַכט, דאָס וואָס ער האָט געזען בייטאָג און זאַכן פון די ספרים.

גייט שמערל נאַר אַרום פאַרטראַכט, פאַרחלומט, האָט מיט קיינעם גאָרניט וואָס צו טאָן, קוקט אַריין אין ספרים, עסט ברויט מיט וואַסער, שלאָפט אויפן דיל, שמייכלט און שווייגט. ער לאָזט אַלעמען צורו, און אַלע לאָזן אים צורו.

צוויי מאָדנע ווערטער

ס׳איז אַ ליכטיקער זומער פרימאָרגן. שמערל נאַר גייט זיך אָנגעטאָן ווי אַ בעטלער מיט אַ טאָרבע אויף די פלייצעס און אַ ספרל אין האַנט. אַלע ווילע הויבט ער אויף זיין קאָפּ און טוט אַ קוק אַרום זיך. ריכטיק, דאָס ספר זאָגט אַז פייגל זינגען אַלע אינדערפרי אַ לויב צו גאָט — אַן אמת. אָט זינגען טאַקע אַלע פייגל אַזוי שיין. די זון שיינט אויך פונקט ווי דאָס ספר זאָגט. דאָס טייכל, די גראָזן, די ביימער — אַלץ אַן אמת ווי אין ספר שטייט. ער איז אומישנע אויפגע־שטאַנען פרי און איז אַוועק אין וואַלד אַריין צו זען גאָטס וואונדער, וואָס דאָס ספר רעדט פון זיי.

ס׳איז אמת!

איז שמערלען אַ גרויסע פרייד באַפאַלן. די ספרים ווייסן אַלץ, וועט ער פון זיי אַ סך לערנען און אַלץ וועט אים זיין קלאָר.

לערנט ער און לערנט. זעט ער אַמאָל אין אַ ספר שטייט געשריבן: „ואינני יודע", זאָגט דער טייטש — „און איך ווייס

ניט״. טוט ער אַ קוק נאָכאַמאָל, אָבער עס שטייט פּאָרט „און איך ווייס ניט״. פאַרשטייט ניט שמערל; וואָס הייסט דאָס ספר ווייסט ניט? טראַכט שמערל — אַך, ווען ער זאָל נאָר האָבן מוט צו פרעגן דעם רבֿ!

זוכט שמערל נאַר אין ספר און טראַכט און טראַכט און קאָן זיך ניט דערטראַכטן. גייט ער אַרום אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו דער ערד, ווי איינער וואָס זוכט עפּעס, וואָס ער האָט פאַרלוירן.

שלעפּט זיך אַזוי שמערל נאַר איבערן ברייטן שליאַך און בורטשעט צו זיך: „ואינני יודע, און איך ווייס ניט. ער ווייס אויך ניט, קיינער ווייסט ניט...״ גייט ער אַזוי און גייט, דעם קאָפּ צו דער ערד, און בורטשעט. מיטאַמאָל דערזעט ער אַ גאָלדן רענדל. מאַכט ער זיך ניט־זעענדיק. וויל עס ניט אויפ־הייבן. דאַרף עס ניט האָבן. גייט ער אָפּ פינף טריט, נאָך דריי רענדלעך. זיפצט שמערל נאַר — עפּעס וויל מען פון אים, ער וועט עס אָבער ניט אויפהייבן. גייט ער אָפּ דריי טריט. עס ליגן שוין פינף רענדלעך. נאָך אַ טראָט — רענדלעך און רענד־לעך, אַ טאָרבע אַ גאַנצע.

זיפצט שמערל נאַר: מען וויל שוין פון אים עפּעס ווידער. קלייבט ער די רענדלעך און שטופּט אין טאָרבע. אַ גאַנצע טאָרבע אָנגעשטאָפּט. שווער. גייט ער איינגעבויגן. אַזאַ משא, ס׳איז דאָך גאָלד. קומט ער אין שטאָט אַריין און פאַרגייט באַלד צום רבֿ.

די מיסטעריע

אין רבס הויז איז אַ טומל און אַ געפּילדער. עס שטייט אַ כעסדיקער און בייזער מענטש אין מיטן הויז און שרייט. לעבן אים שטייט נאָך אַ מענטש, די אויגן אַראָפּ־געלאָזט צום דיל, בייסט די ליפּן און שווייגט.

און שמערל נאַר הערט דעם בייזן מענטשן שרייען:

— רבי, ווי אַזוי קאָן איך אים ניט באַשולדיקן ? אמת, שוין צוועלף יאָר אַז ער איז מיין בוכהאַלטער און אַרויסהעלפער, און קיינמאָל האָב איך אים ניט געכאַפּט עפּעס גנבענען. ער האָט אַלעמאָל געטאָן זיין אַרבעט ערלעך, אָבער זאָל ער מיר דער־קלערן, ווי אַזוי האָט עס געקאָנט טרעפן.

— מיט דריי וואָכן צוריק, רבי, זיינען מיר ביידע אַרויס־געפאָרן פון דער היים קיין דאַנציג קויפן סחורה. מיר האָבן מיט זיך מיטגענומען צוועלף הונדערט רענדלעך. איך האָב אָבער מורא געהאַט צו פירן מיט זיך אַזוי פיל געלט, האָב איך אויסגעהוילט אַ ברעט אין וואָגן, אַריינגעלייגט די רענדלעך אינעווייניק, און צוריק פאַרקלאַפּט. קיינער חוץ אים, האָט פון מיין סוד ניט געוואוסט.

— און איך פלעג זיך פירן אַזוי. אַלעמאָל איידער איך בין אַרויסגעפאָרן, האָב איך אַ קוק געטאָן, צי דאָס ברעט איז גאַנץ. אַז מיר פלעגן קומען ערגעץ פלעג איך באַלד נאָכקוקן צי דאָס ברעט איז ניט גערירט. אַזוי האָב איך זיך געפירט.

— אָבער ווען איך בין נעכטן אָנגעקומען אין שטאָט אַריין, האָב איך דורך אַ צופאַל פאַרגעסן צו באַקוקן דאָס ברעט. היינט גאַנץ פרי האָב איך זיך אַראָפּגעכאַפּט אין שטאַל צו זען וואָס עס הערט זיך מיט מיין אוצר. איך גיב אַ קוק — ער שטייט לעבן וואָגן און פאַרשטעקט דעם לאָך מיט זיין נאָזטיכל. איך ... זיך אַ כאַפּ צו דעם ברעט : עס זיינען אינגאַנצן געבליבן צען רענדלעך. היינט ווער האָט עס גענומען די איבעריקע, אויב ניט ער ?

אַזוי טענהט דער בייזער מענטש, און דער אַנדערער שטייט און שאָקלט מיטן קאָפּ.

— אַן אמת, — הערט שמערל נאַר דעם שטילן מענטשן זאָגן. — אַן אמת, ס'איז מיין נאָזטיכל. איך האָב עס פאַר־שטעקט. דאָס געלט האָב איך אָבער ניט גענומען. איך בין אַראָפּ אין שטאַל נעמען עפּעס פון מיין רייזע־טאַש, זע איך,

אַז דער לאָך פון ברעט איז אָפן, האָב איך אים פאַרשטעקט מיט מיין נאָזטיכל, און האָב געוואָלט רופן דעם באַלעבאָס — ערשט ער איז אָנגעקומען און האָט געגומען שרייען „כאַפּט אַ גנב“. איך ווייס, איר וועט מיר ניט גלייבן, אָבער איך שווער אַז איך האָב ניט גענומען די רענדלעך. אַדרבא, זאָל ער ביי מיר זוכן און זען, צי איך האָב דאָס געלט“.

— רבי, ער האָט די רענדלעך באַהאַלטן, — שרייט דער אַנדערער ווידער. — וואָס, ער וועט עס מיט זיך אַרומטראָגן? זאָל ער בעסער זאָגן, וואו ער האָט באַהאַלטן דאָס געלט. אויב ער זאָגט ניט, וועל איך רופן די פּאָליציי. און איר ווייסט דאָך וואָס עס קומט אַ גנב? מען וועט אים די רעכטע האַנט אָפּהאַקן.

דער רב האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, שטופּט זיך שמערל נאַר דורך צווישן עולם, גייט צו צום רב און ליידיקט אויס די גאַנצע טאָרבע מיט רענדלעך אויפן טיש. בלייבן אַלע מיט אָפענע מיילער און מע פרעגט:

— ווי קומסטו צו די רענדלעך?

— געפונען אויפן שליאַך, — ענטפערט שמערל נאַר קורץ.

פאַרשטייען שוין אַלע אַז דער סוחר האָט אַ טעות געהאַט. מע האָט אָבער אין דעם סוחר פאַרגעסן. אַלע זיינען געווען פאַרטאָן מיט שמערל נאַר.

— וואָס ווילסטו דערפאַר?

— גאָרנישט.

— גאָרנישט, פאַר אָפּגעבן אַזויפיל געלט?

— גאָרנישט. איך וויל ניט האָבן קיין געלט. אויף וואָס דאַרף איך עס?

— קאָן איך דיך מיט עפּעס באַלוינען? פרעגט דער רב.

— דו האָסט געראַטעוועט אַ מענטשן.

— יאָ, רבי, איך וויל אייך עפּעס פרעגן, — זאָגט שמערל נאַר.

— וואָס?

— זאָגט מיר, וואָס מיינט „אינני יודע״ ?
— „איך ווייס ניט״ — ענטפערט דער רב.
טוט שמערל נאַר אַ זיפץ : „איר ווייסט אויך ניט ? און ער גייט אַרויס פון הויז.
פאַרשטייט קיינער ניט וואָס דאָ טוט זיך. עפּעס אַ צע־דרייטער אָרעמאַן. ווער ווייסט ? מסתמא א משוגענער.

ווייטער אין וועג

גייט שמערל נאַר ווייטער. די וועלט איז גרויס און שיין. גרינע פעלדער. טונקעלע וועלדער. שטילע דערפער און טומלדיקע שטעט. רויטע פרימאָרגנס און בלאָע פאַר־נאַכטן. גייט שמערל נאַר איבער דער וועלט, לייענט זיינע ביכלעך, לערנט זיינע ספרים, רעדט זעלטן מיט עמעצן אַ וואָרט, שווייגט און טראַכט.
וואָלט שוין שמערל געווען אינגאַנצן צופרידן : ער קאָן ריידן און דאַרף ניט קיין מענטשן. קיינער קאָן אים ניט, דאַרף ער ניט מורא האָבן מען זאָל אים בעטן ווייזן וואונדער. איז דאָך אים גוט און וואויל. אָבער וואָס מיינט אָבער פאָרט „אינני יודע״ ? קיינער ווייסט ניט.
גייט שמערל נאַר אַרום און טראַכט : די וועלט איז דאָך גרויס. פאַראַן אויף דער וועלט אַ סך קלוגע מענטשן, וועט ער אַמאָל אָנטרעפן אַ מענטשן וואָס ווייסט אַלץ, וועט ער אים פרעגן.

קעניג כאַפּאַלץ און זיין מיניסטער מאָרדים

אין אַ ווייטן לאַנד האָט געהערשט אַ קעניג מיטן נאָמען כאַפּאַלץ. דער קעניג איז געווען אַ בייזער און אַ שלעכ־טער. ליב געהאַט אַלץ פאַרכאַפּן און פאַרנעמען. זיינע מיניסטאָרן זיינען געווען נאָך ערגער פון אים. אָבער ערגער

און גיפטיקער פון אַלעמען איז געווען זיין הויפּט מיניסטער מאָרדים.

אין יענעם לאַנד זיינען ניט געווען קיין יידן. אָבער אין דעם שכנישן לאַנד האָבן געוואוינט גאָר אַ סך יידן. די יידן האָבן געהאַנדלט מיט דער גאַנצער וועלט, און פיל פון זיי זיינען געווען גאָר רייך. האָט דער מיניסטער מאָרדים געזאָגט צום קעניג כאַפּאַלץ:

— לאָמיר מלחמה האַלטן מיט דעם שכנישן פאָלק און פאַרכאַפּן דאָס לאַנד.

האָט קעניג כאַפּאַלץ מלחמה געהאַלטן מיט דעם לאַנד און עס איינגענומען. און אַז ער האָט איינגענומען דאָס לאַנד, האָט ער אַ סך מענטשן אויסגעהרגעט, און איבערהויפּט האָט ער אויסגעשאָכטן אַ סך יידן, ווייל כאַפּאַלץ האָט זייער פיינט געהאַט יידן.

דער מיניסטער מאָרדים האָט אָבער פיינט געהאַט יידן נאָך מער ווי דער קעניג, האָט ער געזאָגט צום קעניג:

— טרייב אַרויס די יידן פון לאַנד, און פאַרכאַפּ זייער פאַרמעגן.

— ווי קאָן איך אַרויסטרייבן אַ טייל פון דער באַפעלקערונג אָן אַן אויסרייד?

— איך וועל צוטראַכטן אַ שפּיצל.

איז מיניסטער מאָרדים געזעסן זיבן טעג און זיבן נעכט און האָט געטראַכט. דערנאָך איז ער געקומען צום קעניג און האָט אַזוי געזאָגט:

— זאָל דער קעניג אויסרופן אין לאַנד, אַז די יידן זיינען אַ פאָלק פאַרשאָלטן פון גאָט, ווייל זיי גלייבן ניט ווי מיר גלייבן. דער קעניג וויל דערפאַר ניט, אַז זיי זאָלן פאַראומרייניקן זיין הייליק לאַנד. דעם קעניגס מיניסטאָרן האָבן אים אפילו געראָטן ער זאָל אַרויסטרייבן די יידן און צונעמען זייער פאַרמעגן. דער קעניג איז אָבער גוט־האַרציק, האָט ער באַשלאָסן צוזאַמענ־

צורופֿן די אידישע קליגסטע לייט און קעגן זיי אוועקשטעלן זיין הויפּט־מיניסטער מאָרדים.

— מען וועט אויסגראָבן אַ טיפֿן גרוב, און לעבן גרוב וועט מען אויפשטעלן אַ פּלאַטפאָרמע. די אידישע קלוגע לייט וועלן מעגן פרעגן מיניסטער מאָרדים וועלכע פראַגן זיי ווילן, און דער מיניסטער וועט פרעגן די יידישע קליגסטע לייט וועלכע פראַגן ער וויל. און עס וועט זיין אַזוי; וועלן די יידן פרעגן דעם מיניסטער מאָרדים אַ פראַגע און ער וועט ניט וויסן וואָס צו ענטפערן, וועט מען אים אַריינוואַרפן אין גרוב און די יידן וועט מען לאָזן צורו. אויב אָבער די יידישע קלוגע לייט וועלן ניט וויסן דעם ריכטיקן ענטפער אויף מאָרדימס פראַגע, וועט מען זיי אַריינוואַרפן אין גרוב, און אַלע יידן אַרויסטרייבן פון לאַנד, און זייער פאַרמעגן וועט געהערן צום קעניג. דער קעניג וועט זיין דער ריכטער.

דער קעניג האָט אויסגעהערט מאָרדימס עצה און האָט געשמייכלט:

— קלוג, קלוג, מאָרדים, אָט אַזוי נאַרט מען אָפּ דאָס פאָלק. אָט אַזוי נאַרט מען זיי אין זאַק אַריין. זאָלן זיי מיינען אַז גערעכטיקייט געוועלטיקט. זאָלן זיי מיך האַלטן פאַר דער גערעכטיקייט אַליין... כאַ, כאַ, כאַ, איך וועל זיין דער ריכטער!

ווען די יידן האָבן דערזען דעם קעניגס פּראָקלאַמאַציע, האָבן זיי פאַרשטאַנען דעם קעניגס פּלאַן, און זיי האָבן געזאָגט צו זייערע פירער:

— לאָמיר דעם רשע אַוועקגעבן אונדזער פאַרמעגן און פאַרלאָזן דאָס לאַנד. צוליב וואָס פאַרגיסן אומשולדיק בלוט?

האָבן די יידישע פירער געענטפערט און געזאָגט:

— וואָס רעדט איר? מיר וועלן פאַרלאָזן זיין לאַנד? אָט־דאָס לאַנד, וואו מיר וואוינען, איז אונדזער היים שוין הונדערטער יאָרן. אונדזערע עלטערן און אורעלטערן האָבן דאָ געוואוינט. מיר האָבן די ערד מיט אונדזער בלוט און שוויס באַנעצט. יעדער

גרעזעלע, יעדער שטיינדעלע איז אונדז ליב. מיר וועלן דאָס לאַנד ניט פאַרלאָזן, סיידן מען וועט אונדז מיט גוואַלד אַרויס־טרייבן, יידן טאָרן ניט פאַרלירן דעם בטחון. אפשר וועט געשען אַ נס.

די יידן האָבן געפאַסט, געבעטן גאָט און געוואַרט אויף דעם שרעקלעכן טאָג.

דער טאָג איז געקומען.

אויף אַ סקווער אין דער הויפּטשטאָט האָט מען אויפגע־שטעלט אַ גרויסע פּלאַטפאָרמע. אויף דער פּלאַטפאָרמע איז געזעסן קעניג כאַפּאַלץ מיט זיינע מיניסטאָרן אין סאַמעטענע מונדירן מיט גילדערנע קנעפּ און אַנטבלויזטע שווערדן אויף די קני. צווישן זיי איז געזעסן מאָרדים און האָט געשמייכלט. דער קעניג האָט צו אים שטיל געזאָגט:

— וואָס זיי וועלן פרעגן, זאָלסטו ענטפערן בוידעם, לאָקשן, פאָליצע. איך בין דאָך דער ריכטער.

אויף דער אַנדערער זייט פון דער פּלאַטפאָרמע זיינע גע־זעסן די יידישע פירער, איינגעבויגענע, טרויעריקע: זיי האַלטן דעם גורל פון אַ פאָלק אויף זייער צונג.

שמערל נאַרס אומשולדיקע פראַגע

און שמערל נאַר איז געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד. ביז ער איז אָנגעקומען אין דעם לאַנד, וואו עס האָט געהערשט דער קעניג כאַפּאַלץ. גייט שמערל נאַר אַריין אין דער הויפּטשטאָט. זעט ער אַז די גאַנצע שטאָט איז אויפן סקווער און אין צענטער פון סקווער שטייט אַ פּלאַטפאָרמע, און אויף דער פּלאַטפאָרמע שטייט אַ העראָלד און רופט אויס:

— שטיל זאָל זיין! אָט באַלד וועט זיך אָנהייבן דער גרויסער וויכוח. מיניסטער מאָרדים, וואָס רעדט אין נאָמען

פון גאָט, וועט ענטפערן אויף אַלע פראַגען, וואָס די יידישע קלוגע לייט וועלן אים פרעגן. זאָלן זיי אים פרעגן די שווער־סטע פראַגען אין וועלכער שפּראַך זיי ווילן אַליין. זאָלן זיי אים פרעגן, ווייל דער גרויסער קענער און חכם, מיניסטער מאָרדים, ווייסט אַלץ.

שמערל נאַרס אויגן האָבן אויפגעלויכטן: אָט איז איינער וואָס ווייסט אַלץ. האָט ער זיך דורכגעשטופּט צווישן עולם, איז אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע, איז צוגעגאַנגען צום מיניס־טער מאָרדים און אים געפרעגט:

— וואָס מיינט „אינני יודע״?

מאָרדים האָט אַ שמייכל געטאָן. ער האָט געקאָנט גוט העברעאיש, און אויף אַזאַ פראַגע איז דאָך נאַריש צו ענטפערן גלאַט אין דער וועלט אַריין. ער ווייסט דאָך דעם ענטפער אַזוי גוט. האָט מאָרדים געענטפערט רואיק און קלאָר:

— איך ווייס ניט.

דער קעניג איז אויפגעציטערט געוואָרן. מאָרדים האָט אים פאַרראַטן. ער האָט געוויס גענומען גענוג געלט פון די יידן, און אַ צאָרן האָט זיך אין אים אָנגעצונדן, און ער האָט אויסגערופן:

— דו ווייסט ניט? אין גרוב אַריין!

און די זעלנער האָבן אַ כאַפּ געטאָן מאָרדימען און אים אַריינגעוואָרפן אין דעם טיפן גרוב.

שמערל נאַר האָט זיך אָפּגערוקט פון פּלאַטפאָרמע, זיך אויסגעמישט מיט דעם עולם, און האָט גערעדט צו זיך:

— אַפּנים קיינער ווייסט ניט אַלץ, קיינער ניט.

און שמערל איז ווידער אַוועק אין וועג אַריין.

שמערל נאַר ראַטעוועט אַ שטאָט מיט יידן

דער טייטש פון די צוויי ווערטער

שמערל נאַר איז אַוועק פון כאַפּאַלצס מדינה אַ צעטומל־טער. אַזויפיל מענטשן זיינען געווען אויפן סקווער און אויף דער פּלאַטפאָרמע. אַזעלכע חשובע געלע־רנטע מענטשן: יידן מיט גרויסע בערד, רבנים מיט קלוגע אויגן און ברייטע שטערנס, גענעראַלן מיט גאָלדענע עפּאָלעטן, סענאַטאָרן מיט גלאַנציקע צילינדערס, בישאָפן מיט רויטע יאַר־מעלקעס, און אַ מיניסטער פון גאָט געשיקט. אַזוי האָט דער העראָלד געזאָגט, און אָט־דער מיניסטער שטייט פאַר אַלע קלוגע לייט גרייט צו פאַרענטפערן זייערע אַלע פראַגעס, און ווייסט דאָך ניט וואָס עס מיינט „אינני יודע". מאָדנע!

מאָדנע, מאָדנע! וואָס האָט דאָס פאָלק אַזוי געפרייט זיך? פאַרוואָס האָט דער קעניג זיך אַזוי געכעסט? און פאַרוואָס האָט מען דעם מיניסטער אַריינגעוואָרפן אין דעם טיפן גרוב אַריין?

פאַרשטייט עס ניט שמערל נאַר.

גייט אַזוי שמערל איבער דער וועלט, אָנגעטאָן אין אַלטע שמאַטעס, עסט ברויט מיט וואַסער, שלאָפט אויפן האַרטן דיל. רעדט מיט קיינעם ניט, זוכט, גריבלט זיך אין ספרים, שווייגט, הערט וואָס מענטשן ריידן. טראַכט איבער יעדער וואָרט וואָס ער הערט, עס חלומען זיך אים אָפט מאָדנע חלומות. ביי־נאַכט, אין דער פינצטער, ווערן אַ סך זאַכן אים קלאָר. בייטאָג ווערט אָבער אַלץ ווידער מאָדנע. שווייגט ער. זיין מויל פאַר־

שלאָסן. אָבער די אויגן אָפּן און ווערן גרעסער, גלאַנצן ווי ביי אַ מענטשן וואָס איז פאַרטיפט אין זיך.

ס'איז אַריבער דער זומער. ס'איז געקומען דער האַרבסט. ס'איז שוין סוף־ווינטער — פרילינג. ס'איז פאַר פסח. קומט שמערל נאַר אָן אין אַ גרויסער שטאָט, וואו עס וואוינען אַ סך יידן.

גייט שמערל איבער דער שטאָט, קומט צו צו אַ הויז. פון הויז טראָגן זיך שטימען פון חדר־יינגלעך. בלייבט שמערל שטיין: קינדערשע שטימען. זיין יאַנקעלע דאַרף שוין איצט לערנען גמרא, בערל — חומש, וואו זיינען זיי איצט? וואָס טוען זיי? כאַפּט שמערלען אָן אַ בענקשאַפט אַהיים, צו זיין פרוי, צו זיינע קינדער. שפּאַרט ער זיך אָן אויף זיין גראָבן שטעקן און הערט זיך איין ווי די קינדער לערנען. הערט ער ווי די קינדער זאָגן די הגדה.

— כנגד ארבעה בנים דברה תורה — אַקעגן פיר זין האָט די תורה גערעדט. אחד חכם — איינער אַ קלוגער, אחד רשע — איינער אַ שלעכטער, אחד תם — איינער אַ נאַר, ואחד שאינו יודע לשאול — און איינער וואָס...

אָבער שמערל האָט ניט דערכאַפּט די לעצטע עטלעכע ווערטער, כאָטש ער האָט אָנגעשפּיצט די אויערן. האָט ער אָפּגעוואַרט ביז די קינדער זיינען אַרויס פון חדר, אָפּגעשטעלט אַ יינגל און געפרעגט:

— זאָג מיר, זונעלע, וואָס מיינט „איננו יודע״?

— איך ווייס ניט, — זאָגט דאָס יינגל קורץ און שאַרף.

— וואָס הייסט דו ווייסט ניט? — פרעגט שמערל, — דו האָסט דאָך דאָס נאַר־וואָס געלערנט?

קוקט דאָס יינגל אויף שמערלען מיט ברייט צעעפנטע אויגן און זאָגט:

— אָט דאָס איז דאָך דער טייטש פון „איננו יודע״. אויף

לשון־קודש „אינני יודע", — און אויף יידיש — „איך ווייס ניט". אָפּגעזאָגט און אַוועק.

בלייבט שמערל נאַר שטיין אַ צעמישטער, אַ צעטומל־טער: אָט דאָס איז עס, אָט דאָס מיינט עס... אַ פּאַרדרוס האָט זיך ביי אים דערוועקט אַקעגן זיך אַליין. ער האָט זיך אַליין גענומען זידלען: אַן אמת, שמערל, דו ביסט אַ נאַר, אַ יאָלאָפּ, אַ לאָקשנברעט פּנים. דו ווייסט ניט אַפילו וואו דיין אייגענע נאָז געפינט זיך. שטופּסט זיך. פרעגסט אַ רב נאַרישע פראַגעס, און אַז ער ענטפערט דיר ווי אַ מענטש — אינני יודע — איך ווייס ניט. זאָגסטו נאָך „איך ווייס ניט"? האַ? און דו ווייסט ניט פון דיין לייב און לעבן וואָס דו רעדסט.

שמערל נאַרס גרויסע שרעק

גייען מענטשן פאַרביי און זעען ווי אַן אָפּגעריסענער אָרעמאַן שטייט און רעדט צו זיך אַליין מיט כעס. שטעלט מען זיך אָפּ, אָבער שמערל נאַר באַמערקט זיי ניט, טענהט זיך אויס מיט זיך אַליין. געפונען זיין צונג: לייענסט ספרים, האַ? דו טאָרסט ניט. רעדסט צו מענטשן, האַ? דו טאָרסט ניט. פרעג־סט פראַגעס, דו שוטה, וועסט נאָך ברענגען אַ צרה, דו נאַר.

ביי די ווערטער האָט אים אַ ברי געטאָן אין מוח: זיכער אַ צרה. ער האָט שוין געבראַכט אַ צרה אויף די יידן אין כאַפּאַלצס מדינה. דער קעניג האָט זיך געכעסט, דעם מיניסטער האָט מען אַריינגעוואָרפן אין גרוב. דער קעניג איז געווען פול מיט צאָרן, און סאָלדאַטן האָט ער געהאַט אַ סך. יידן זיינען דאָרט געווען, וועט ער זיך אָפּרעכענען מיט די יידן... און שמערל האָט זיך גענומען קלאַפּן אין האַרצן: איך בין שולדיק, איך בין שולדיק, איך האָב בלוט פאַרגאָסן, דער קעניג וועט אַלע יידן אויסהרגענען.

מענטשן האָבן זיך אָפּגערוקט פון שמערלען, און ער איז אַנטלאָפן. אַנטלאָפן איז שמערל נאַר אין וואַלד. דאָרט האָט ער אַרומגעבלאָנדזשעט אָן עסן און אָן טרינקען. די פיס זיינען אים געשוואָלן געוואָרן. דער רוקן האָט אים אָנגעהויבן וויי־טאָן. דער נאַקן ברעכן. האָט ער זיך דערשלעפּט צו דער שטאָט פּערמע און איז פאַרגאַנגען אין שול אַריין.

אין שול האָט ער זיך פאַרקליבן הינטער דעם גרויסן קאַכ־ליענעם אויוון. ער איז געווען צעבראָכן, מיד, איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז אין שול געווען שטאָק־פינצטער. איבערן אָרון־קודש האָט געברענט אַ קליין לעמפּל, דער נר־תמיד. דאָס קליינע לעמפּל האָט באַלויכטן די צוויי לייבן, אויסגעשניצט פון האָלץ, פון ביידע זייטן פון אָרון־קודש. איבער די טירלעך פון אָרון־קודש איז געהאַנגען אַ סאַמעטענער פּרוכת. אויפן פּרוכת זיינען געווען אויסגעהעפט די צען געבאָט. מיט גאָלדענע פעדעם זיינען די אותיות געווען אויסגעהעפט און האָבן געבלישטשעט אין דער טונקלקייט.

האָט שמערל געקוקט אויף די שימערירנדיקע אותיות און האָט געטראַכט: דאָס זיינען גאָטס ווערטער. הינטער זיי, אין אָרון, צווישן די תורות, איז גאָט באַהאַלטן. בייטאָג קאָן ער, שמערל, ניט צוגיין אַזוי נאָענט צום הייליקן אָלמער. אָבער איצט. ביינאַכט, קיינער זעט ניט, וועט ער וואַגן. ער וועט אויסגיסן זיין ביטער האַרץ פאַר גאָט, ער וועט זיך מודה זיין אויף זיינע עבירות. גאָט וועט אים מוחל זיין.

גייט שמערל צו און עפנט די טירלעך. שטעקט אַריין דעם קאָפּ צווישן די תורות, שפּאַרט זיך אָן מיט די הענט אָן ברעג פון אָרון און פאַרגייט זיך אין אַ געוויין... איז אים גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן, האָט ער פאַרמאַכט די טירלעך, פאַרצויגן דעם פּרוכת און איז געוואָרן רואיקער.

שמערל נאַר ראַטעוועט אַ שטאָט מיט יידן

אַ גרויסע שרעק איז אים אָבער באַפאַלן, ווען ער האָט פּלוצעם אַ קוק געטאָן אויף זיינע הענט: זיי זיינען געווען רויט און אויסגעשמירט מיט בלוט. איצט איז ער שוין געווען זיכער, אַז גאָט האָט אים באַשיינפּערלעך געוויזן, אַז ער האָט פאַרגאָסן בלוט, אַז ער איז אַ זינדיקער, אַ רוצח, אַ מערדער!

שמערל נאַר פירט אויס אַ שליחות

עפנט זיך די טיר פון בית־המדרש, און עס קומט אַריין דער אַלטער פערמער רב. ער איז געקומען, ווי זיין שטייגער איז, זיך זעצן לערנען. איז שמערל צו אים צו־געלאָפן, איז אים געפאַלן צו די פיס און האָט אויסגערעוועט מיט אַ שטים פון אַ פאַרוואונדעטער חיה:

— רבי, ראַטעוועט!

— ווער ביסטו? — פרעגט דער רב.

— איך בין שמערל נאַר.

— טאָ שטיי אויף, שמערל, דו ברענגסט דאָך שטענדיק גוטס. עמעצן העלפסטו דאָך אַלעמאָל.

— איך העלף קיינעם ניט, רבי. איך בין אַ זינדיקער, און גאָט האָט עס מיר איצט נאָר־וואָס באַוויזן.

— וויין ניט, און פרואוו דערציילן אַלץ, מיט אַ סדר, מיט אַ טאַלק.

האָט שמערל נאַר דערציילט, וואָס ס'איז פאָרגעקומען, און דער רב האָט געזאָגט:

— אַזוי, דו האָסט געעפנט דעם ארון־קודש, צוגעלייגט דעם קאָפּ צו די ספר־תורות, אָנגעשפּאַרט זיך מיט די הענט, און צומאַכנדיק די טירלעך האָסטו דערזען, אַז דיינע הענט זיינען איינגעשמירט געוואָרן אין בלוט?

— רבי, איך האָב געוואָלט גאָט בעטן.

— גוט, שמערל, וויין ניט. האָסט געהאַט אַ שליחות און האָסט עס דורכגעפירט.
— איך פאַרשטיי ניט, רבי.
— איך ווייס, אַז דו פאַרשטייסט ניט. אָבער דו דאַרפסט ניט פאַרשטיין. גיי אַוועק פון פערמע, גיי קיין האָמעל און האַלט דאָרט פסח.
— האָט מיר גאָט פאַרגעבן, רבי?
— דו האָסט ניט געזינדיקט, שמערל, דו האָסט אַ גרויסע זאַך אויפגעטאָן. האָסט געראַטעוועט אַ גאַנצע שטאָט יידן.
— איך פאַרשטיי נאָך אַלץ ניט, רבי.
— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דו דאַרפסט ניט פאַר־שטיין. זיי רואיק, גיי.
שמערל נאַר האָט גענומען זיין טאָרבע און איז אַוועק.
און דער רב האָט אָנגעקלאַפּט צום שמש:
— בערע, שטיי אויף, שנעל, מיר דאַרפן אויסראַמען דעם חמץ פון גאָטס הויז.

דער קרעמער גרעבאַניק

אין דער שטאָט פערמע האָט געוואוינט אַ מאַן מיטן נאָמען גרעבאַניק. אָט דער גרעבאַניק האָט פיינט געהאַט יידן. גאַנץ אָפט פלעגט ער זיך אָנשיכורן, און שיכורערהייט פלעגט ער אַרומגיין איבער די גאַסן און שרייען: „מען דאַרף אויסקוילען אַלע יידן!“ „מע דאַרף אויסראָטן די אומגלויביקע. זיי זיינען פון גאָט פאַרשאָלטן. מיר טאָרן זיי ניט דולדן. טויט צו די יידן“.
גרעבאַניק האָט געוואָלט די יידן אויסראָטן, ווייל זיי זיינען געווען זייער שטאַרקע געשעפטס־קאָנקורענטן. די יידן האָבן ניט געשיכורט, האָבן זיי געקאָנט בעסער פירן די געשעפטן. זיי האָבן געהאַלטן וואָרט, האָבן זיי געהאַט גוטן קרעדיט.

אָבער גרעבאַניק האָט ניט דערציילט דעם אמת פאַרוואָס ער האָט פיינט די יידן. ער האָט אומישנע געליאַרעמט, אַז די יידן זיינען אומגלויביקע און מען דאַרף זיי פון שטאָט פאַריאָגן, כדי דער המון זאָל האַלטן פון אים און קומען צו אים אין געשעפט.

און בא גרעבאַניק אין הויז האָט זיך געהאָדעוועט אַ יינגל, אַ יתום, מיטן נאָמען סטעפּאַן. סטעפּאַן איז געווען אַ קיילעכדיקער יתום, אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען. פאַר אַלעמען האָט גרעבאַניק געמאַכט אַ פרום פּנים, אַז ער האָדעוועט סטעפּאַנען פון רחמנות וועגן. אין דער אמתן האָט דאָס יינגל זיין ברויט כשר פאַרדינט. ער האָט אַכטונג געגעבן אויף דער קראָם, געוואַשן דעם דיל, געמאַכט דעם אויוון, אָפּגעקערט דעם טראָטואַר לעבן הויז און לעבן קראָם, האָט אָפּגעטראָגן אַלע פּעקלעך צו די קונים, און האָט אפילו געקאָכט פאַר גרעבאַניקן.

דעם בייזן קרעמער איז דאָס אָבער נאָך אַלץ געווען צו ווייניק. ער האָט אויף דעם יינגל געשריען. אים גערופן „אומזיסטער פרעסער", „פוילער הונט", „אייזלשער קאָפּ", און האָט אפילו ניט געזשאַלעוועט קיין קלעפּ. איבערהויפּט פלעגט סטעפּאַן אָפּקומען, ווען גרעבאַניק פלעגט קומען אַהיים אַ שיכורער.

גרעבאַניק שיכורט זיך אָן

יענעם יאָר איז דער גויאישער פּסח אויסגעפאַלן כמעט אין דערזעלבער צייט ווי דער יידישער, און גרעבאַניק האָט געאַרבעט שווער. אַלע אָוונט פלעגט ער פאַרטרינקען זיין מידקייט אין שענק, און צוויי טעג פאַר פּסח איז ער אַהיים געקומען טויט-שיכור, מער ווי אַלע מאָל.

ווען ער איז אַריין אין הויז, האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף דער סאָפע און האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: „סטעפּאַן, צי מיר אַראָפּ די שטיוול".

דאָס יינגל האָט געפאָלגט, אָבער דעם שיכור איז ניט געפעלן געוואָרן ווי אַזוי דאָס יינגל שלעפּט אים אַראָפּ די שטיוול, האָט ער אים געגעבן אַ קנאַק מיט אַ פוס אין בויך.

סטעפאַן איז געבליבן ליגן אויפן דיל און האָט זיך געקאָרטשעט פון ווייטיק.

— דו פוילער הונט, דו אומזיסטער ברויט־פרעסער, די שטיוול טו מיר אויס, — האָט גרעבאַניק געקאָמאַנדעוועט.

— איך קאָן זיך ניט אויפהויבן, — האָט סטעפאַן געקרעכצט.

— דו הינטיש מויל, — האָט דער שיכור זיך געקאָכט — דו רעדסט מיר גאָר אַקעגן ? אַן עלטערן פון דיר רעדסטו אַקעגן ? איך וועל דיך אויסלערנען מאַנירען. איך וועל דיר ווייזן ווער עלטער איז, — און ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ שטול און אַ וואָרף געטאָן דעם יינגל אין קאָפּ.

סטעפאַן איז געבליבן ליגן אויסגעצויגן שטיל. און גרעבאַניק, טויט־שיכור, איז אַוועקגעפאַלן אויף דער סאָפע און איז איינגעשלאָפן.

אַ שייער אויף טאָג איז גרעבאַניק אויפגעשטאַנען, אויסגעגלייכט די גלידער, ברייט געגענעצט און גענומען שרייען : „סטעפאַן, וואו ביסטו ? גיב מיר אַ קאַלטן טרונק וואַסער. אין מויל איז פאַסקודנע. פוי”. אָבער קיינער האָט אים ניט געענטפערט. ער האָט ווידער געוואָלט אָנהויבן שרייען, האָט ער דערזען ווי סטעפאַן ליגט אויסגעצויגן אויפן דיל.

— אוי, דו פוילער הונט, פעפער דו איינער, אויפן דיל גאָר איינגעשלאָפן, — האָט גרעבאַניק גערעדט שטיל, גיפטיק. — דו הינטישער מוח, אייזלשער קאָפּ. ווי עס פאַפט גאָר. איך וועל דיר ווייזן. — און גרעבאַניק האָט אָנגעשעפּט אַ קאַלטן עמער וואַסער און אַ פליוך געטאָן אויפן יינגל.

סטעפאַן האָט זיך אָבער ניט אויפגעכאַפּט. גרעבאַניק איז

צוגעגאַנגען צום קינד, אים גענומען טרייסלען, אָבער דער קערפּער איז געווען קאַלט. סטעפּאַן איז געווען טויט.

אין אָנהויב האָט גרעבאַניק זיך פאַרלוירן, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן: דערהרגעט א מענטשן. באַלד איז ער אָבער געפאַלן אויף אַ פּלאַן. ס'איז ערב־פּסח, וועט ער אונטערוואַרפן דאָס יינגל די יידן. און דערווייל וועט ער שוין אויך פּטור ווערן פון די פאַרשאָלטענע קאָנקורענטן.

די ערשטע נאַכט פון פּסח אין שול

די ערשטע נאַכט פּסח. אַלע יידן האָבן זיך פאַרזאַמלט אין שול. דער חזן האָט געזאָגט „הלל" מיט דעם שיינעם ניגון. דער עולם האָט נאָכגעזאָגט יום־טובדיק.

מיטאַמאָל האָט זיך געעפנט די טיר פון דער שול, און עס איז אַריינגעקומען אַן אפּטיילונג פּאָליציי. מיט דער פּאָליציי איז געווען דער פּאָליציימייסטער, דער בירגערמייסטער און אויך גרעבאַניק.

האָט דער בירגערמייסטער אָפּגעשטעלט דאָס דאַווענען און האָט געזאָגט:

— איר זאָלט וויסן, יידן, מען האָט געפונען אַ געהרגעט קריסטלעך קינד, און מיר האָבן עדות, אַז איר האָט דאָס קינד דערהרגעט, כדי צו באַנוצן זיין בלוט אויף מצות. אַ טייל פון דעם בלוט האָט איר אפילו באַהאַלטן אין אָרון־קודש. עפנט דעם אָרון, און זאָל מען אַרויסנעמען דאָס באַהאַלטענע בלוט.

דער המון אין דרויסן האָט געשטורעמט און געליאַרעמט: „טויט די יידן!"

אַלע פאַרזאַמלטע יידן האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן: אַ בלוט־בלבול! נאָר דער שמש און דער רב זיינען געבליבן רואיק.

— עפן דעם אָרון, — האָט דער רב געזאָגט צום שמש, — און נעם אַרויס וואָס דאָרטן שטייט.

דער שמש האָט געפּאָלגט און האָט אַרויסגענומען אַ פּלעשל און עס געגעבן דעם רבֿ. דער רבֿ האָט גענומען דאָס פּלעשל און עס געגעבן דעם בירגערמייסטער: „נאַט עס אייך, — האָט דער רבֿ געזאָגט, — איז דאָס חלילה בלוט, אָדער ראָזשענקע־ווייַן?

— ווייַן? — זאָגט דער בירגערמייסטער, — מירן באַלד זען, — און ער האָט געעפנט דאָס פּלעשל, אַ שמעק געטאָן, — טאַקע אַן אמת, ס'שמעקט ראָזשענקע־וויין. — ער האָט אויסגעגאָסן אַביסל אויף דער פלאַך פון האַנט, אַ לעק געטאָן, — אוי, ס'האָט דעם טעם פון וויין. — ער האָט אַרייַנגעגאָסן אַ ביסל אין אַ גלעזל, אַ זופּ געטאָן, — יאָ, עס איז אמתער וויין.

— ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז דאָס איז וויין? — האָט גרעבאַניק אַ צעטומלטער אויסגעשריען. — עס קאָן ניט זיין, איך האָב אַליין אַהין אַרייַנגעשטעלט אַ פּלעשל בלוט.

— וואָס, וואָס זאָגסטו? דו האָסט אַליין אַרייַנגעשטעלט אַהין אַ פלאַש בלוט? — האָט דער בירגערמייסטער געפרעגט פאַרוואונדערט. — וואָס מיינסטו דערמיט?

גרעבאַניק האָט זיך געכאַפּט אָן זיין טעות:

— איך מיין, איך זאָג, איך האָב אַליין געזען ווי זיי האָבן עס אַהין אַרייַנגעשטעלט, — האָט גרעבאַניק געפּלאָנטערט מיט דער צונג.

— ווי האָסטו עס געזען?

— איך האָב זיך באַהאַלטן אין שול.

— ווי קומסטו אין שול אַריין? וואָס האָסטו דאָרט געטאָן? וואָס האָסטו דאָרטן צו טאָן? ענטפער!

און דער רבֿ, וואָס איז געשטאַנען דערביי, האָט רויִק באַמערקט: „פרעגט אים, פרעגט אים, ער ווייסט אַלץ".

און טאַקע וואָס מער מען האָט גרעבאַניקן אויסגעפרעגט, אַלץ מער האָט ער זיך פאַרפלאָנטערט. צום סוף האָט ער זיך מודה געוועזן.

אַלע יידן אין שטאָט האָבן געמיינט אַז עס איז געשען אַ נס. אָבער דער רב און דער שמש האָבן געוואוסט דעם אמת. זיי האָבן געוואוסט דורך וועמען די גאַנצע שטאָט יידן איז געראַטעוועט געוואָרן. מיט יאָרן שפּעטער האָבן זיי דערציילט די מעשה, ווי אַזוי שמערל נאַר האָט געראַטעוועט אַ שטאָט מיט יידן.

אין יענע יאָרן

שמערל נאַר באגעגנט אַ מאַן מיט אַ רויטער באָרד

שמערל נאַר איז שוין געווען זיכער אַז ער האָט ניט גע־זינדיקט. ער האָט געגלויבט דעם רבֿ. אים איז אויך געבליבן אין זיכרון דעם רבס רייד, אַז סע מאַכט ניט אויס וואָס ער, שמערל נאַר, פאַרשטייט ניט וואָס ער טוט. האָט ער מער קיינעם גאָרניט געפרעגט. געגריבלט זיך אין ספרים, געחלומט חלומות, נאָכגעטראַכט זיינע חלומות, גע־פרואווט פאַנאַנדערקלייבן זיך אין אַלץ וואָס ער פאַרשטייט ניט, און טאָמער האָט ער ניט געפונען וואָס ער זוכט, האָט ער אַלץ געשוויגן.

און ער איז געגאַנגען איבער דער וועלט, אַרומגעוואַנ־דערט אַ יאָר, צוויי, דריי. קיינער טשעפּעט אים ניט און ער טשעפּעט קיינעם ניט. אַליין.

אָפט פלעגט שמערל נאַר אפילו ניט וועלן נעכטיקן אין שטאָט. גענעכטיקט אין וואַלד. ער האָט ליב געהאַט שלאָפן אונטער אַ בוים, קוקן אויף די שטערן דורך די צווייגן און זיך שפּילן מיט די דורכגעזייטע לבנה־שטראַלן. ער פלעגט זען ווי עס פינקלט אַ שטערן אין דער פינצטער און טראַכטן: דאָרטן אויפן שטערן איז ליכטיק. אַ וועלט וואו קיין נאַכט איז ניטאָ איז אַ שיינע וועלט. פלעגט ער חלומען פון שטערן און פון ביימער, וואָס בליען אַ קיילעכדיקן יאָר און פון בלומען וואָס פאַרוועלקן קיינמאָל ניט.

שמערל נאַר פלעגט זיך אויפכאַפּן אין מיטן נאַכט, הערן דאָס געזאַנג פון אַ פויגל, דאָס געשריי פון אַ ווילדער חיה. איינדרימלען און חלומען. חלום און וואָר פלעגן זיך צוזאַמענ־

מישן. און ער האָט ניט געוואוסט וואָס איז וואָר און וואָס איז חלום.

לעצטנס האָט ער אין דער שטילקייט פון דער נאַכט געהערט אָפט אַ פייפן, אַ קלאַפּן, טריט פון מחנות מענטשן; אָפּשיין פון ברענענדיקע הייפן, אָפּהילך פון די קאָפּיטעס פון פערד. ער האָט עס אָנגענומען פאַר חלומות.

גייט אַזוי שמערל נאַר און קומט אָן אין די קאַרפּאַטן בערג, ס'איז אָוונט־צייט. קוקט זיך שמערל נאַר אַרום — זוכט אַ פּלאַץ וואָס איז אַ ביסל באַשיצט — אַן אָרט צום שלאָפן. קומט אים אַנטקעגן אַ מאַן מיט אַ הויטער שיינער באָרד, אָנגעטאָן אין אַ שאָפן פעלצל און אויפן קאָפּ אַ פויעריש טוכן היטל. שטעלט דער מאַן אָפּ שמערלען און זאָגט:

— שלום עליכם, שמערל.

בלייבט שמערל נאַר שטיין פאַרוואונדערט, פון וואַנען קאָן אים דער מאַן, אָבער ער ענטפערט:

— עליכם שלום.

— זוכסטו וואו צו שלאָפן? — פרעגט אים דער מאַן.

— איך זוך וואו צו שלאָפן, — ענטפערט שמערל נאַר.

— קום, שמערל, דו וועסט שלאָפן אין מיין שטיבל.

גייט שמערל.

גייען זיי.

זיי זיינען צוגעקומען צום שטיבל. דריי ווענט צוזאַמענ־געקלאַפּט פון דינע ברעטלעך. די פערטע וואַנט איז די זייט פון באַרג. אינעווייניק איז אָבער וואַרעם, ציכטיק. דאָס גאַנצע שטיבל פאַרוואָרפן מיט ספרים.

קוקט שמערל נאַר. אַליין אין די בערג. אַזויפיל ספרים. מאָדנע. אָבער ער שווייגט. שווייגן קאָן ער.

דער מאַן פאַרבעט שמערלען צום טיש. זיי עסן. אָפּ־געגעסן. זיצן זיי. דער מאַן רעדט ניט צו שמערלען, און שמערל צום מאַן אוודאי און אוודאי ניט.

ס'איז געוואָרן שפּעט, האָבן זיי זיך געלייגט שלאָפן.

אינמיטן דער נאַכט האָט שמערלען אויפגעוועקט אַ זיסע שטים. ער עפנט די אויגן, זעט ער ווי דער ייד זיצט לעבן פענצטער, די לבנה שיינט אַריין אין שטיבל, קעגן שיין פון דער לבנה זיצט דער מאַן און לערנט.

קוקט שמערל נאַר אויפן יידן ווי ער האַלט אַ גרויסע גמרא און לערנט אַזוי געשמאַק, שמערלען טוט באַנג וואָס ער קאָן ניט לערנען. אפשר וועט דער ייד אים אויסלערנען.

גייט ער אַראָפּ פון בעט, גייט צו צום יידן. דער מאַן איז אָבער אַזוי פאַרטאָן אין לערנען, אַז ער האָט ניט געהערט ווי שמערל נאַר איז צו אים צוגעגאַנגען.

אַ געשפּרעך

שמערל נאַר האָט דעם מאַן אַ לייכטן ריר געטאָן מיט דער האַנט :

— רבי, קאָנט איר מיך אויסלערנען גמרא ?

כאַפּט זיך אויף דער מאַן ווי פון שלאָף, טוט אַ קוק אויף שמערלס פּנים און ענטפערט קורץ :

— ניין.

— פאַרוואָס ניט ? — פרעגט שמערל נאַר.

— ווייל דאָס איז ניט דיין אַרבעט. יעדע זאַך אויף גאָטס וועלטל האָט איר שליחות. די קו גיט מילך. ביימער גיבן פרוכט. אויף די פעלדער וואַקסן קאָרן און ווייץ. איינער נייט שטיוול, אַ צווייטער — קליידער, דער דריטער — זייט, אַ פערטער — בויט הייזער. פאַראַן אָבער פלאַנצן וואָס האָבן ניט זייערע וואָרצלען אין דער ערד. זיי זייגן זיך איין אין אַנדערע פלאַנצן. לעבן אויף פרעמדע זאַפטן. מענטשן אויך אַזוי. פאַראַןליידיקגייער, וואָס לעבן אויף יענעמס אַרבעט, און דערפון נעמען זיך אַלע צרות.

— איך טו דאָך גאָר ניט, — שלאָגט אים שמערל נאָר איבער.

— דו דאַרפסט ניט טאָן. דיין אַרבעט איז ברענגען גוטס אויף דער וועלט. העלפן מענטשן.

— און אייער אַרבעט ?

— איצט האָק איך האָלץ און פאַרדין מיין חיונה. מיט יאָרן שפעטער וועל איך זיין אַ פירער ביי יידן. איך וועל זיין אַ בעל־שם. איך וועל לערנען די יידן זיי זאָלן לעבן אין פרייד, איך וועל זיי לערנען אַז גאָט האָט ליב אַלעמען גלייך : דעם האָלצהעקער, דעם שוסטער, דעם שניידער, דעם סטאָליער, זיי האָט ער ליב פונקט אַזוי ווי דעם למדן, דעם געלערנטן. איך וועל זיי לערנען אַז מען קאָן גיין אין גאָטס וועגן ניט נאָר מיט פייניקן זיך און האַלטן טאָג און נאַכט אין איין לערנען, נאָר פראָסט — יעדערער זאָל טאָן זיין אַרבעט גוט און ערלעך, זיין שטענדיק פריילעך, פול מיט שמחה.

— און דערווייל לערנט איר אפילו אין מיטן דער נאַכט, — זאָגט שמערל.

— ווייל דאָס איז מיין אַרבעט, איך וועל זיין אַ בעל־שם.

— און איך ?

— דו גיי אויף דער וועלט. אָבער ניט אויף דעם איצטיקן וועג. קער זיך אום, גיי צוריק. דו זאָלסט גיין צום טייך דניעפּר. מען פאַרגיסט דאָרטן אַ סך יידיש בלוט. דו וועסט עס אָפּשטעלן.

— ווער פאַרגיסט בלוט ?

— איינער אַ גאָנטע און זיינער אַן אַרויסהעלפער רעשעס.

— פאַרוואָס טוען זיי דאָס ?

— די פריצים האָבן געדריקט די קאָזאַקן פונקט ווי פּרעה אַמאָל די יידן.

— און וואָס זיינען די יידן שולדיק ?

— די יידן זיינען שולדיק אין די קאָזאַקנס אויגן, ווייל די יידן זיינען געווען די שטעקנס אין די הענט פון די פריצים.

— איך פֿאַרשטיי ניט.

— עס מאַכט ניט. טו דיין שליחות, גיי צוריק. קער זיך אום צוריק, און גיי צום טייך דניעפּר.

— און וואָס זאָל איך טאָן ?

— טו גאָרניט. גיי אין דיין וועג און בלייב וואָס דו ביסט, שמערל נאַר. אין דעם ליגט דיין קראַפֿט.

אַ שייער אויף טאָג האָט שמערל נאַר זיך געלאָזט אין וועג.

אַ כאָפּטע בלינדע בעטלער

אַז שמערל נאַר איז אָנגעקומען צום דניעפּר האָט ער געזען אַ סך צעשטערטע הייזן, פֿאַרברענטע פּאַלאַצן, חרובֿע שטעט. גייט שמערל נאַר ווייטער.

אין וועג טרעפֿט אָן שמערל אַ כאָפּטע בלינדע בעטלער. די בעטלער האָבן לירעס און באַנדורעס. גייען זיי און שפּילן און בעטלען.

רופֿט זיך אָן אַ קרומער בעטלער מיט אַ רויטער באָרד צו שמערלען:

— ברודער בעטלער, וואוהין גייסטו ?

— אין ערגעץ ניט, — ענטפֿערט שמערל נאַר.

— קום מיט אונדז אין נעמיראָוו. מיר גייען אין נעמי־ראָוו, — זאָגט דער קרומער בעטלער.

— און וואָס וועלן מיר טאָן אין נעמיראָוו ? — זינגט אויס אַ בעטלער.

די ברידערלעך קאָזאַקן זיינען דאָרטן, — ענטפֿערט אַ צווייטער.

— וואָס טוען זיי ? טוט אַ בורטשע אַ דריטער.

— זיי שיסן פּאָליאַקן און יידן, פּאַנעס און זשידעס. איי — זינגט דער בעטלער, — וועט דאָרטן זיין פֿריילעך !

— קום מיט אונדז — זאָגט דער קרומער בעטלער.

— איך גיי ניט קיין נעמיראָוו, — ענטפֿערט שמערל.

— דו רעדסט פון וועג, קום מיט אונדז, — טענהט אַלץ דער קרומער בעטלער.

ענטפערט ניט שמערל און וויל גיין אין זיין וועג. הויבט דער קרומער בעטלער אָן צו שפּילן אויף אַ באַנדורע און זינגען:

„שמערל נאַר דאַרף גיין,
„גיין, זען און שווייגן.
„מוז האָבן אויגן פון גלאָז
„און אַ האַרץ פון אייזן.
„אַלטע ווייבער וויינען אין אַ צרה,
„יונגע מענער זיינען פול מיט קאַמף,
„גרויסע מענטשן שווייגן און וואַרטן,
„וואַרטן ביז מען דאַרף.
„שמערל נאַר דאַרף פאָלגן,
„גיין זען און שווייגן.
„מוז האָבן אויגן פון גלאָז,
„און אַ האַרץ פון אייזן.

בלייבט שמערל נאַר שטיין. אַ באַקאַנטע שטים. אַ באַקאַנט פּנים, אַ באַקאַנטע באָרד. קערט ער זיך אום און גייט מיט די בעטלער קיין נעמיראָוו.

אין נעמיראָוו

די שטאָט נעמיראָוו איז פאַרפלייצט מיט קאָזאַקן. שטייען הייזער האַלב אָפּגעברענט. אין די גאַסן וואַלגערן זיך שטיקער מעבל. צעריסענע קליידער. דאָ און דאָרט פאַרגליווערט בלוט אויף די ווענט פון די הייזער.

שטייט אַ הויז מיט אויסגעבראָכענע פענצטער און אויפגע־פּראַלטע טירן. אָפן און פּוסט. דורך די אָפענע טירן זעט מען אַן איבערגעקערט בענקל. אין הויף וואַלגערט זיך אַ טיש מיט צוויי פיס.

אַ הויז אינגאַנצן אָפּגעברענט. אפילו פון בוים לעבן הויז

איז געבליבן נאָר אַ פאַרברענט שטיקל שטאָם. אַ שטיקל פּלויט איז געבליבן. אויפן פּלויט אַ שניי־ווייס העמד, ערשט מיט אַ טאָג צוריק אויסגעוואַשן און אויפגעהאַנגען טריקענען.

עס הערט זיך געזאַנג פון שיכורים און אַ שפּילן פון האַרמאָניקעס... פון ערגעץ־וואו דערטראָגט זיך אַ קרעכץ און אַ געשריי און איבער אַלץ קנאַלט אַפּ אַ שאָס.

גייט שמערל נאַר מיט די בלינדע בעטלער. און די בעטלער זינגען אַ לויב צו די בראַווע קאָזאַקן. אַ פריילעך געזאַנג לכבוד די קריגערישע העלדן, אַ זיג־ליד צום פאַטערל און באַשיצער — גאָנטע קאָזאַק.

און גאָנטע קאָזאַק זיצט אין אַ יידיש הויז, זויפט שנאַפּס און קאָמאַנדעוועט: „צעשניידן, צעשיסן אָט־די אַלע אומ־גלויביקע. דער טייוול איז אין זיי. אויסקוילען זאָל מען אַלע יידן. די קינדער און פרויען אויך. לאָזט ניט קיין לעבעדיקע נשמה. איך מעג עס טאָן. איך האָב די „גאָלדענע גראַמאָטאַ״ — אַ דערלויבעניש פון דער קעניגין״.

די קאָזאַקן צינדן די שטאָט. ברעכן וואָס עס קומט אונ־טער דער האַנט. רויבן און זויפן בראָנפן.

און שמערל נאַר גייט איבער דער שטאָט מיט די בעטלער און זעט ווי יידישע מוטערס זיינען אויסגעלייגט געהרגעטע, זייג־קינדער ליגן לעבן די מאַמעס, ווילן זייגן און קיין מילך איז ניטאָ.

וויינט שמערלס האַרץ, קרעכצט ער.

רופט זיך אָן אַ בעטלער:

— אוי דו איינער און אַזוינער, וואָס קרעכצסטו ווי אַן אַלטע באָבע ?

ענטפערט שמערל נאַר און זאָגט:

— קינדער וויינען נאָך זייערע מאַמעס.

— די קאָזאַקלעך וועלן אויך די קינדער אויסהרגענען, — ענטפערט אַ בעטלער.

— פאַרוואָס ? — פרעגט שמערל נאַר.

— וואָס פרעגסטו אַזעלכע זאַכן ? וואָס, דו ביסט ניט קיין גלויביקער ?

— ער איז אַ גלויביקער פונקט ווי איך, — רופט זיך אָן דער קרומער בעטלער מיט דער רויטער באָרד.

— דו ביסט אַ גלויביקער, דו, איז וואָס קרעכצסטו ? — זאָגט אָן אַנדער בעטלער צו שמערלען.

— אייך איז גוט, ווייל איר זענט בלינד, — זאָגט שמערל נאַר.

— מיר וואָלטן געוואָלט זיין זעענדיקע, דו איינער. מיר וואָלטן געוואָלט זען די נקמה אָן די זשידעס. דו רעדסט מיט רחמנות גאָר. גאָר ניט ווי קיין קאָזאַק. דו ביסט ניט קיין גלויביקער.

— אַז איך האָב אייך געזאָגט אַז ער איז אַ גלויביקער, — מישט זיך ווידער אַריין דער קרומער בעטלער, — און דו, דו אַלטע באָבע פאַרמאַך דיין מויל, האָסט זיך שוין צערעדט ? אַז עס איז דיר קאַלעמוטנע אויפן האַרצן, נעם זשע אַ טרונק בראָנפן, און ווער פאַרשטומט.

דאָס געזאַנג פון די בלינדע בעטלער

דער קרומער בעטלער און שמערל נאַר האָבן געגעכטיקט אין וואַלד. שמערל נאַר האָט איינגעגנורעט זיין פּנים אין טאָרבע און געכליפּעט. דער קרומער בעטלער האָט גערעדט :

— דיין האַרץ איז פול מיט ווייטיק, שמערל, אָבער דו מוזט זיין שטאַרק. ביסט אַ שליח, דיר איז פּאַרט בעסער ווי זיי.

— ניט בעסער.

— נו, זאָל זיין ניט בעסער, זאָל זיין דאָסזעלביקע. זאָל זיין ערגער. דו דאַרפסט אָבער דיינס אָפּטאָן.

— ווי קאָנען זיי עס אָבער טאָן, רבי ?
— איך ווייס ניט, שמערל, שאַ, דו הערסט ?
עס האָט זיך געהערט דאָס געזאַנג פון די בלינדע בעטלער :
„די יידן, די יידן,
האָבן אונדזער גאָט געהאַנגען.
געקרייצט אים,
געמאַטערט אים.
די אייגעלעך אויסגעשטאָכן,
האָבן זיי.
די הענטלעך אויסגעבראָכן,
האָבן זיי.
די הערעלעך אויסגעצופט,
האָבן זיי.
די נעגעלעך אויסגעריסן,
האָבן זיי.
די טרערעלעך ניט געזען,
האָבן זיי.
די יידן, די יידן
האָבן אונדזער גאָט געהאַנגען,
געקרייצט אים.
די יידן, די יידן,
זיי, די יידן, די יידן".
— דו הערסט, שמערל ?
— איך האָב עס ניט געטאָן.
— איך אויך ניט. קיינער האָט עס ניט געטאָן. זייער הארץ איז אָבער פול מיט רציחה. טראַכטן זיי אויס ליידן וועגן זייער גאָט, כדי עס אונדז אָנטאָן.
— איך פאַרשטיי ניט, וואָס דו זאָגסט. אָבער ווי קאָנען זיי עס טאָן ?
— איך פאַרשטיי אויך ניט. נאָר פאַרפאַלן, דו בלייב דאָ.

רעשעס איז אין נעמיראָוו. מאָרגן זאָלסטו גיין גלייך מיטן שליאַך. איך פֿאַלאָז דיך. כ׳מוז גיין ווייטער מיט די בעטלער.

דער קרומער בעטלער מיט דער רויטער באָרד איז פֿאַרשוואונדן, און שמערל נאַר איז געבליבן נעכטיקן אין וואַלד.

איין ייד צופיל

אַ שפּראָץ אויף טאָג איז שמערל נאַר אַוועק מיטן שליאַך. גייט ער פֿאַרטראַכט, פֿאַרזאָרגט, הערט ניט און זעט ניט וואָס עס טוט זיך אַרום אים. ער הערט ניט ווי הינטער אים קומען אָן רייטער. זעקס רייטער, דריי פֿון יעדער זייט וועג. צווישן זיי אויפֿן שליאַך — זעקס יידן, די רייטער טרייבן די יידן. זיי שמייסן די יידן מיט בייטשן, און די יידן מוזן אָנהאַלטן מיט די פֿערד.

שמערל נאַר קוקט זיך ניט אום. אָט איז ער צווישן די געטריבענע יידן. פֿילט אויף זיך די בייטש און די זידל־ווערטער פֿון די רייטער. „דו זינדיקע נשמה, גיי, וואָס מיינסטו, ס׳איז אַ יידישע חתונה?״

צו מיטאָג־צו זיינען די פֿערד מיד געוואָרן. האָבן זיך די רייטער אָפּגעשטעלט. די ערשטע זאַך האָבן זיי געגעבן די פֿערד עסן. דערנאָך האָבן זיי אַ טרונק געטאָן אַ ביסל שנאַפּס. דערנאָך גענומען זיך רייצן מיט די יידן.

רייצן זיי זיך און איינער אַ קאָזאַקל טוט אַ זאָג:

— טו נאָר אַ קוק, מיר האָבן דאָך זיבן יידן. וויפֿיל יידן האָט אונדז דער אַטאַמאַן געהייסן אָפּפֿירן אין טולטשין, ניט זעקס?

— זעקס יידן.

— אָבער מיר האָבן דאָך דאָ זיבן יידן?

— דו ביסט פֿון זינען אַראָפּ.

— גלויבסט ניט? — טאָ צייל.

ציילט איבער דער צווייטער רייטער — אַן אמת, זיבן יידן, ווי קומט עס ? הייסט ער ציילן דעם דריטן רייטער. ציילט ער — פּאָרט זיבן יידן. האָבן אַלע זעקס רייטער געציילט און ס'איז אויסגעקומען זיבן יידן. האָבן זיך די אבערגלויבערישע רייטער דערשראָקן און געזאָגט איינער צום אַנדערן :

— מיר טאָרן ווייטער ניט גיין. מיר זיינען פאַרכישופט. לאָמיר צוריקפאָרן צום אַטאַמאַן.

קומען זיי צוריק צום אַטאַמאַן און דערציילן אים די מעשה, צעשרייט זיך דער באַטקאָ.

— אוי איר הינט, פערדישע קעפּ, צעפּוילטע מאַרכעס וואָס איר זענט. איך האָט זיך שוין ווידער אָנגעשיכורט. איך וועל פון אייך פּאַסן רייסן.

— אמת, געטרונקען אַביסל, פּאַטערל. אָבער מיר זיינען ניט שיכור, האָבן געענטפערט די רייטער.

— איז ווי אַזוי קאָנט איר האָבן זיבן יידן, ווען איך האָב אייך געגעבן זעקס ?

— פאַרכישופט, פּאַטערל.

— איך וועל אייך באַלד געבן „פאַרכישופט", איר זינדיקע נשמות. איר קאָנט ניט ציילן. אָט וואָס דאָס איז. יעדער קאָזאַק פון אייך נעמט אַ יידן. איר זענט זעקס קאָזאַקן, וועלן מיר זען, צי איר האָט ניט מער ווי זעקס יידן.

האָבן זיי אַזוי געטאָן. איין ייד איז אויסן געבליבן. אַן אמת, זיבן יידן.

— וועלכער ייד איז צוגעקומען, האָט זיך דער אַטאַמאַן געוואונדערט, לאָמיר זען ?

— מאַטוויי שרייבער, קום אַהער, האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן דער אַטאַמאַן, רוף די נעמען פון די געפאַנגענע וואָס מיר האָבן געשיקט קיין טולטשין.

מאַטוויי האָט אויסגערופן די נעמען, איז אויסן געבליבן שמערל נאַר.

— און ווער ביסטו, דו זיבעטער, אַ כישופמאַכער? איך וועל באַלד זען. מירן זען צי דיין כישוף וועט דיר העלפן קעגן מיין שווערד. — און דער אַטאַמאַן נעמט אַראָפּ זיין שווערד פון וואַנט און גייט צו נאָענט צו שמערלען. גייט צו, טוט אַ קוק, דערקענט אים, און שרייט אויס: „פירט זיי אַלעמען אַרויס, אַלעמען! לאָזט מיך איבער מיט דעם זיבעטן".

רעשעס גיסט אויס זיין ביטער האַרץ

געבליבן אַליין. גייט צו דער אַטאַמאַן צו שמערלען און זאָגט:

— דאָס ביסטו, הייליקער מאַן?

— דאָס בין איך, רעשעס.

— ווי קומסטו אַהער?

— איך ווייס ניט.

— וואָס מיינסטו דו ווייסט ניט?

— מען האָט מיר געהייסן.

— ווער?

— ער.

— גאָט? דיין גאָט האָט דיר געהייסן? מיר האָבן ניט מורא פאַר דיין יידישן גאָט. אָ, אייער יידישער גאָט האָט מורא פאַר אונדז. מיר האָבן זיינע שולן פאַרברענט, די תורות צעריסן, פאַרשמוצט. וואָס האָט אייער גאָט געטאָן? מיר האָבן אייערע פרויען געפּייניקט, די קינדערלעך דערהרגעט, די אַלטע לייט צעקוועטשט, נו, וואָס?

קוקט אים אָן שמערל נאָר מיט פאַרטרערטע אויגן און זאָגט:

— ווי קאָנסטו עס טאָן?

בלייבט רעשעס אָפּהענטיק. ווייסט ניט וואָס צו ענטפערן. ער האָט זיך גערעכנט, אַז דער הייליקער מאַן וועט אים שטראָפן

און סטראַשען, און דער הייליקער פרעגט אים גאָר שטיל: „ווי קאָנסטו עס טאָן?" און ס'איז דאָך טאַקע אַ רחמנות. צעוויינט זיך דער אַטאַמאַן רעשעס:

— אָ, דו הייליקער. די פּריצים האָבן אונדזער הויט געשונדן. די יידן האָבן די פּריצים געהאָלפן. און די ברידער קאָזאַקן האָבן היים בלוט און זיי נעמען נקמה. און ס'איז אייער שולד. אייער גאָט איז אַ שטאַרקער. זאָל ער ניט לאָזן.

— איך פאַרשטיי ניט.

— דו פאַרשטייסט, הייליקער. אייער גאָט איז אַ קלוגער אויך, ער מאַכט זיך נאָר אַזוי. פּונקט ווי דו האָסט זיך געמאַכט אין הארוואַטס הויף, אַז דו ווייסט גאָרניט. דיין גאָט מאַכט זיך נאָר אַזוי, אַז ער שווייגט. ער וויל די קאָזאַקן זאָלן שטאַרק זינדיקן, וועט ער זיי אַלעמען אויסהרגענען. און דאָס קאָזאַקן־פאָלק איז ניט שולדיק. ס'איז גאַנטעס שולד. ער ווייזט זיי די „גאָלדענע גראַמאָטאַ" — דעם באַפעל פון דער קייסערין צו פאַרטיליקן אַלע יידן. און די „גאָלדענע גראַמאָטאַ" איז אַ געפעלשטע. און אָט גיב איך דיר אַ פּאַפּיר, וואָס ווייזט ווי גאָנטע האָט געפעלשט די „גאָלדענע גראַמאָטאַ". אויך ווייזט דאָס פּאַפּיר, אַז גאָנטע קלייבט אַ גרויסע אַרמיי צו גיין אויף פּוילן אויסראָטן אַלע יידן, ווי די געפעלשטע „גראַמאָטאַ" הייסט. אויך וויל ער אויסהרגענען אַלע פּאָליאַקען, פאַר אויסבאַהאַלטן די יידן. גיב עס איבער די רבנים.

— איך זאָל איבערגעבן די רבנים?

— יאָ, די זעקס יידן האָבן מיר געלאָזט לעבן, כדי זיי אַוועקשיקן אין טולטשין מיט דער נייעס וועגן דער „גאָלדענער גראַמאָטאַ", אַזוי אַז די קאָזאַקן־איינוואוינער פון טולטשין זאָלן אונדז העלפן. דו וועסט איבערגעבן אָט־די פּאַפּירן דיינע רבנים. זיי וועלן שוין וויסן וואָס צו טאָן מיט די פּאַפּירן. דו וועסט ראַטעווען דיינע יידן און איך מיין קאָזאַקן־פאָלק. ווייל זיי זיינען זינדיק מיינע קאָזאַקן, פאַרגיסן אומשולדיק בלוט.

רעשעס האָט געהאַלטן וואָרט און אַוועקגעשיקט שמערלען צוזאַמען מיט די זעקס יידן.

* * *

אַז די יידן זיינען געוואָר געוואָרן פון גאָנטעס פּלענער, האָבן זיי עס געלאָזט וויסן דעם פּוילישן גענעראַל בראָנעצקי אין שאַריגאָראָד. ווען גענעראַל בראָנעצקי האָט דערהערט אַז גאָנטע ריכט זיך אָנפאַלן אויף פּוילן, האָט ער אַרויסגעשיקט אַ גרויסע אַרמיי קעגן גאָנטען און אים באַזיגט. רעשעס איז געפאַלען אין שלאַכט. גאָנטען האָט מען געכאַפּט און אים געמשפּט ווי אַן איינפאַכן פאַרברעכער.

שמערל נאַר איז יעמאָלט געווען העט ווייט, ווייט אין די קאַרפּאַטן בערג.

שמערל נאַרס מצבה

חלומות

שמערל נאַר האָט זיך געלאָזט איבער דער וועלט. ער איז געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד.

קיינער האָט אים ניט דערקענט, קיינער האָט אים ניט באַמערקט: צוריק דער אַלטער, איינגעהויקערטער בעטלער ווי געווען.

און שמערל נאַר האָט געקלאַפּט אין די טירן, גענומען נדבות, צעטיילט די נדבות צווישן די קרומע, לאַמע, קראַנקע, קרעציגע, און אַליין פלעגט ער אָפּקומען מיט אַ דאַר שטיקל ברויט און קאַלט ברונעם־וואַסער.

ער איז געגאַנגען פון לאַנד צו לאַנד. געזען מענטשן. געהערט ווי זיי רעדן. האָט נאָכגעקוקט זייער האַנדלען און וואַנדלען. געקוקט, געזען, געהערט און געשוויגן.

ער האָט געשוויגן און געחלומט.

פון קינדוויז אָן פלעגט שמערל נאַר האָבן אַ סך חלומות. אין חלום פלעגט ביי אים אַלץ זיין קלאָר און גלאַט. אָבער ווען ער פלעגט אויפשטיין, האָט ער, אָדער פאַרגעסן די חלומות, אָדער זיי ניט געקאָנט פאַרשטיין. בייטאָג איז ער געווען שמערל נאַר, דער יאָלאָפּ, די בהמה, דאָס לאָקשנברעט־פּנים, דער פערדישער קאָפּ. אָבער ביינאַכט איז ער געווען דער חכם, דער טוער, דער פירער, — קלוג, שאַרף און שיין.

דער חלום מיט דער שיף

ינגלווייז פלעגן זיך אים כמעט שטענדיק חלומען צוויי חלומות, וואָס האָבן אים ניט געגעבן קיין רו.

איין חלום:

אַ גרויסע שיף. אויפן דעק פון שיף ריין, ציכטיק. די דילן באַדעקט מיט טעפּיכער. די ווענט באַהאַנגען מיט וואונדער־

באַרע טאַפּעטן. שטולן געשניצט פון צעדערן, טישן געמאַכט פון מאָהאַגענע האָלץ. טעלער אויסגעהאַמערט פון ריין גאָלד. בעכער אויסגעגאָסן פון לויטערן זילבער. לעפל אויסגעשניצט פון העלפאַנטביין.

אונטן, אין בויך פון דער שיף — פיר רייען בענקלעך, איינס איבער ס'אַנדערע. צו יעדן בענקל צוגעשמידט אַ שקלאַף. דעם שקלאַפס רעכטע האַנט איז צוגעשמידט צו אַ וועסלע. דאָס טרייבן זיי די שיף.

— איינס, צוויי!

— איינס, צוויי!

קלאַפּט דער אויפזעער מיט אַ האַמער.

איינס — אַ דריי די וועסלע.

צוויי — אָפּגעלאָזן.

טאָג איין, טאָג אויס, אָן אַן אויפהער.

די היץ שטיקט אומרחמנותדיק.

די צונג איז צוגעקלעפּט צום גומען.

און עס קלאַפּט:

— איינס, צוויי!

— איינס, צוויי!

איינס — אַ דריי די וועסלע.

צוויי — אָפּגעלאָזן.

אויפזעער גייען אַרום צווישן די רייען. אָט האָט אַן אויפזעער באַמערקט ווי אַ שקלאַף שלעפּט ניט די וועסלע, ווי עס באַדאַרף צו זיין. אַ שמיץ מיט אַ גראָבער, רימענער בייטש, אַז אַ סימן איז געבליבן אויף דער פּלייצע. דער שקלאַף בעט וואַסער, ווידער אַ סוויסטש מיט דער בייטש. בלוט באַווייזט זיך, און דער שקלאַף דרייט ווידער די וועסלע.

— איינס, צוויי!

— איינס, צוויי!

איינס — אַ דריי מיט דער וועסלע.

צוויי — אָפּגעלאָזן.

אַנאַנדער שקלאַף חלשט. צוויי וועכטער לויפן צו, שליסן אים אָפּ, און וואַרפן אַריין דעם אָרעמען מענטשן אין ים אַריין.

אויבן שפּילן שקלאַפן אויף האַרפן, און די פּרינצן, גראַפן און פּרינצעסינס טאַנצן. און אונטן:

— איינס, צוויי!

— איינס, צוויי!

איינס — אַ דריי מיט דער וועסלע.

צוויי — אָפּגעלאָזן.

שמערל נאַר איז איינער פון די שקלאַפן. עס ברענט אים אין האַרצן אַ פייער:

— פאַרוואָס?

מיטאַמאָל טוט ער זיך אַ ריס. אָפּגעריסן די קייטן. אויפ־געשפּרונגען מיט אַ געשריי:

— שקלאַפן, דערוואַכט!

און יעדער שקלאַף פאָלגט אים. צעררייסט די קייטן און וואַרפט זיך אויף די פייניקער...

עס שווימט אַ שיף. ניט מיט שקלאַפן נאָר מיט פרייע מענטשן. און די מענטשן זינגען, זינגען אַ לויב צו זייער דער־לייזער און באַפרייער.

שמערל נאַר שטייט לעבן רודער. ער רודערט די שיף, און קוקט ווייט־ווייט. דאָרטן איז אַ ברעג. ער וועט ברענגען זיינע באַפרייטע שקלאַפן צו אַ זיכערן ברעג. — — — — — —

די זינגענדיקע פּיראַמידע

און נאָך אַ חלום פלעגט זיך אים חלומען:

ער איז אין אַ ווייטן לאַנד. ווי ווייט דאָס אויג קאָן כאַפּן איז זאַמד. זאַמד און הימל. ווייט, העט־ווייט, זעט זיך אַ פּאַס וואַסער, לעבן וואַסער אַ שטאָט. נאָך דער שטאָט ווייטער מדבר. דאָרטן אין מדבר גרויסע, הויכע דריי־קאַנטיקע געביידעס — פּיראַמידן.

אויף איינער פון די פּיראַמידן איז אויסגעמאָלן אַ געזיכט פון אַ מענטשן. דאָס פּנים איז געמאָלן צו מזרח־צו. אַלע פרימאָרגן, ווען די זון גייט אויף, צעזינגט זיך דאָס געמאָלענע פּנים. עס צעזינגט זיך אָן ווערטער. נאָר אַ ניגון, אַ געזאַנג און אַ לויב צו דער זון, וואָס שיינט, וואַרעמט און גיט לעבן צום גרעזעלע אויפן באַרג, צום בוים אין טאָל און צום מענטשן אין שטאָט. — — —

אַזעלכע חלומות פלעגט שמערל נאַר האָבן. אָפט פלעגט ער געדענקען אַ ברעקל חלום. איינמאָל האָט ער זיך דערמאָנט כמעט דעם גאַנצן חלום, און פון גרויס באַגייסטערונג האָט ער אים גענומען דערציילן זיינע חברים. אָבער ריידן גוט האָט שמערל נאַר ניט געקאָנט, און די חברים האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ יאָלאָפּ, אַ בהמה. האָבן זיי זיך דערנאָך מיט אים גערייצט און געמאַכט אַ לידל אים נאָכצוזינגען און נאָכצוקרימען:

„שמערל נאַר האָט ניט קיין קאָפּ,
„נאָר אַ גרויסן ערדענעם טאָפּ.
„אַלע אינדערפרי,
„ווען מען טרייבט די קי,
„זינגט אַ מאַלפּע ביי שמערל באָק
„אין זיין גרויסן געמאָלענעם קאָפּ.

שמערל נאַר פלעגט זיך וואַרפן שלאָגן און שיר ניט צעמאַזיקן די אָפּשפּעטער. אָבער צוביסלעך האָט זיך שמערל אויסגעלערנט שווייגן. האָט ער געשוויגן וועגן אַלץ וואָס ער האָט געזען ביינאַכט אין חלום, אָדער בייטאָג אויפן וואָר. גאַנץ אָפט האָט זיך ביי אים צוזאַמענגעפּלאָנטערט דאָס וואָס ער האָט געחלומט מיט דעם וואָס ער האָט געזען בייטאָג.

ער האָט ווייניק געגעסן, שמערל נאַר, נאָך ווייניקער גע־רעדט, און אַ סך געחלומט. ער האָט זיינע האָר ניט געשוירן, זיין באָרד ניט געקעמט, זיינע קליידער ניט געביטן. ער האָט

אויסגעזען זייער ווילד, — אַן אָפּגעלאָזענער, פֿאַרוואַקסענער בעטלער מיט אַ בלייך פּנים און מאָדנע אויגן.

און שמערל האָט פֿאַרגעסן אָן זיין פֿרוי און קינדער, פֿאַרגעסן וועגן אַלץ וואָס איז אַרום אים. ער איז געווען ארייגעטאָן אין זיינע חלומות און אין זיין שווייגן. ער האָט זעלטן־ווען גערעדט אַ וואָרט, און ווען יאָ, — בלויז צו זיך אַליין. מענטשן פֿלעגן זיך אָפּקערן פֿון אים, אַנטלויפֿן, מורא האָבן. מע האָט געוויזן מיטן פֿינגער אויפֿן שטערן: ניט גלאַט דאָרט.

איז געגאַנגען שמערל נאַר, געגאַנגען, ביז ער איז אָנגעקומען אין אַ ווייטער מדינה.

אַ רוף פֿון ערגעץ ווייט

ס'איז דאַן געווען ווינטער. אַ פֿראָסט האָט געברענט, און דער הימל איז געווען בלאָ, טיף־בלאָ, ים־בלאָ, קאַלטע בלאָקייט. שמערל נאַר איז געגאַנגען איבערן שניי און האָט געחלומט. געחלומט, און ניט געוואוסט וואָס. לעצטע נאַכט האָט ער אויך געזען אַ לאַנדשאַפֿט, אינגאַנצן באַדעקט מיט שניי, און איבער אַלץ אַ בלאָער הימל, און אַ שטים האָט גערופֿן: קום צו מיר, שמערל. און שמערל איז געגאַנגען ווייט־ווייט, און פֿאַרשוואונדן געוואָרן אין מעריב.

און ווי ער איז אַזוי געגאַנגען, האָט ער ווידער דערהערט אַ שטים:

„פֿון דער טיפֿעניש, רוף איך צו דיר, גאָט". האָט ער געהערט די שטים, און זיך ניט געוואונדערט, אַזעלכע שטימעס האָט ער שוין אַ סך מאָל געהערט אין חלום.

און דאָס קול האָט זיך געהערט ווידער און ווידער: —

— גאָט, דו אַלמעכטיקער, העלף מיר פֿון מיינע קליינע קינדערס וועגן.

קוקט זיך אַרום שמערל נאַר. זעט ער אַ פּאַלאַץ. גייט ער צום פּאַלאַץ. ער קומט נעענטער, ווערט די שטים דייטלעכער:

„אפילו ווען איך בין אין פינצטערן טאָל פון טויט, פאָרכט איך ניט, ווייל איך גלויב אין דיר, מיין גאָט״!

קומט שמערל נאַר צום פּאַלאַץ. זעט ער אַ גאָרטן מיטביימער, פאַרשאָטן מיט שניי. אין גאָרטן אַ קליין רויט שטי־בעלע, און אַרום שטיבעלע צוויי וועכטער מיט בלויזע שווערדן. הערט ער אַז די שטים קומט פון שטיבל, און דער קלאַנג איז ווי פון אונטער דער ערד אַרויס.

וויל שמערל צוגיין נעענטער צום שטיבל, שטעלן־אָן די וועכטער די שווערדן: מען טאָר ניט.

הערט זיי ניט שמערל נאַר: שוין אַזוי פיל מאָל געזען אַזעלכע זאַכן אין חלום.

גייט ער צו האַרט צו די וועכטער: „ווער וויינט עס דאָ?״

דערשרעקן זיך די וועכטער: אַ מענטש האָט ניט קיין מורא פאַרן טויט, ווערט ניט בלייך, שטאַמלט ניט, גיי שטעך אים.

ענטפערט איין וועכטער:

— בעסער גיי אַוועק פון דאַנען. ווען דער פּריץ וועט דיך דערזען רעדן מיט מיר, וועט ער אונדזביידן אויפהענגען.

פרעגט שמערל ביים צווייטן וועכטער:

— ווער קלאָגט עס דאָ?״

ענטפערט דער צווייטער וועכטער:

— אַ ייד מיט זיין ווייב און דריי קינדער זיינען אַריינ־געוואָרפן געוואָרן אין אַ גרוב, אין געפּענקעניש.

— פאַרוואָס? — פרעגט שמערל נאַר.

— וואָס וויסן מיר, — ענטפערן די וועכטער, פּראָסטע ערלעכע פּויערים. — אפשר פאַר ניט באַצאָלן קיין געלט, וואָס דער ייד איז אים שולדיק געווען? אפשר פאַר ניט וועלן טאַנצן דעם בערן־טאַנץ? דער טייוול ווייסט זיי דאָרט.

— ס'איז דאָך אָבער אַ רחמנות, — טענהט שמערל, — לעבעדיקע מענטשן, זיי וועלן נאָך פאַרפראָרן ווערן.

לאַכן די וועכטער מיט טרערן: „דו ביסט אַ נאַר, אַ גולם.״

האָט אַ בליץ געטאָן שמערלען אין מוח: שמערל נאַר איז ער. שמערל נאַר, דער הייליקער, וואָס קאָן באַווייזן וואונדער.
— גיי זאָג דעם פּריץ אַז איך וויל אים זען, — האָט ער שטרענג אַ זאָג געטאָן צום וועכטער.
דערשרעקט זיך אַ ביסל דער וועכטער פאַר שמערל נאַרס שטרענגן טאָן, אָבער פאַרן פּריץ האָט ער נאָך מער מורא. ענטפערט דער וועכטער:
— וואָס ווילסטו פון מיר? איך בין אַ פאָטער פון פינף קינדער. ער וועט אונדז ביידן אויפהענגען.
טוט שמערל נאַר אַ זאָג נאָך שטרענגער:
— גיי צום פּריץ און זאָג, אַז שמערל נאַר דער הייליקער וויל אים זען. שמערל נאַר, וואָס האָט געוויזן וואונדער אין גראַף האַרוואַטס הויף, שמערל נאַר וואָס איז געווען פאַרן סענאַט... גיי.

שמערל נאַרס ענטפער

פאַרשווינדט דער צעשראָקענער וועכטער. באַלד קומט ער צוריק: דער פּריץ וויל זען שמערלען.
גייט שמערל נאַר, קלאַפּט מיטן שטעקן אויף די פּאַ־לירטע דילן און פאַרשמירט די טעפּיכער מיט זיינע נאַסע שטיוול. ער שטעלט זיך פאַרן פּריץ און פרעגט שטרענג:
— פאַרוואָס ווילסטו אומברענגען פינף נפשות?
— ווער ביסטו? — פרעגט דער פּריץ.
— איך בין שמערל נאַר, דער הייליקער.
— פון וואַנען ווייס איך עס? — גלויבן דיר? — פרעגט דער פּריץ.
ווערט שמערלען ליכטיק אין מוח, פּונקט ווי אין חלום, ער קאָן ריידן, באַפעלן. ער איז דער הערשער.
— וואָס, דו גלייבסט מיר ניט? מיר גלייבסטו ניט? האָסטו וועגן מיר קיינמאָל ניט געהערט? איך האָב געראַטעוועט גראַף האַרוואַטס פערד פון וועלף. איך האָב געפונען דעם

קייסערלעכן רינג. איך בין געשטאַנען פאַרן סענאַט. איך קאָן וואונדער ווייזן.

— וואונדער קאָנסטו ווייזן ? — לאַכט דער פריץ, — אַזוי, וואונדער ? — גוט. גיי אַרויס אין הויף. איך וועל אויף דיר אָנרייצן מיינע יאַגד־הינט, און וויי מיר וואונדער. ווייז מיר אַז דו קאָנסט בלייבן לעבן.

ענטפערט שמערל קורץ און שאַרף : „גוט".

גייען אַלע אַרויס אין הויף.

און דער פריץ האָט געהאַט וואונדערבאַרע יאַגד־הינט. איינע אין לאַנד. די הינט זיינען געווען גרויס ווי בערן, און ווילד ווי הונגעריקע וועלף. זיי זיינען אָבער געווען געלערנטע, קלוגע הינט. זיי פלעגן פאַרשטיין כמעט ווי מענטשן.

אין אָנהייב האָט דעם פריצס הויפּט באַדינער, דער עקאָנאָם, געהאַט גרויסע צרות פון די דאָזיקע הינט. ווען זיי פלעגן אַרויס אין גאָרטן, פלעגן זיי זיך וואַרפן אויף די סטראַ־שידלעס, וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען, כדי צו שרעקן די פייגל. די סטראַשידלעס האָבן אויסגעזען ווי אַלטע יידן, און די הינט פלעגן מיינען אַז דאָס זיינען לעבעדיקע מענטשן, און זיי צערייסן אויף שטיקער. האָט דער עקאָנאָם אויסגעלערנט די הינט, אַז דאָס זיינען ניט מער ווי פיגורן, און ווען ער פלעגט זיי אָנרייצן אויף זיי, פלעגן די הינט בלויז אַרומטאַנצן אַרום די סטראַשידלעס, אָבער זיי ניט אָנרירן.

שמערל נאַר איז אַרויס אין הויף, אַוועקגעשטעלט זיך און זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקן, און איז פאַרגליווערט גע־וואָרן. דעם עקאָנאָם האָט אַרויסגעלאָזט די הינט פון שטאַל און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן :

— צערייסט אים.

די הינט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו שמערלען און האָבן אָנגעהויבן אַרומטאַנצן אַרום אים : זיי האָבן אים אָנגענומען פאַר אַ סטראַשידלע.

דער פּריץ איז געבליבן פאַרגאַפט: אַ הייליקער, אַ ווייזער פון וואונדער. האָט ער באַלד געגעבן אַ באַפעל: אַרויסלאָזן דעם יידן פון געפענקעניש.

די באַדינער האָבן אויסגעפאָלגט.

שמערל נאַר האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ און געזאָגט ווי צו זיך אַליין:

— איך האָב אויסגעפירט מיין שליחות. איצט דאַרף איך גיין ווייטער...

און ער איז אַוועק אין דער ווייטער וועלט אַריין.

אַ מצבה

אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל, אין אוקראַינע, איז דאָ אַן אַלטער בית עולם. די מצבות זיינען האַלב-איינגעזונקען אין דער ערד. די ווערטער אויף זיי קאָן מען שוין ניט איבער-לייענען. דער גאַנצער בית עולם איז פאַרוואקסן מיט דיקע, הויכעביימער. איין בוים אָבער איז העכער פון אַלע איבעריקע. אויף דעם גרויסן, הויכן בוים האָבן אַסך פייגל זייערע נעסטן געבויט. ווען די זון גייט אויף, צעזינגען זיך אַלע פייגל — אַ געזאַנג צו גאָט, וואָס גיט לעבן יעדן גרעזעלע אויפן באַרג, דעם בוים אין טאָל און דעם מענטשן אין שטאָט.

מען זאָגט, אַז דער בוים שטייט איבער שמערל נאַרס קבר. דאָס איז זיין מצבה.